בעזרת השם יתברך

# פרקים ז׳-ח׳

## • וירא •

❖

**אין די פרקים ווערן ערקלערט:**

דער וועלכער האלט זיך גרויס איז גלייך ווי ער וואלט געדינט עבודה-זרה. נישט צו טראַכטן מחשבות-זרות ביים דאַוונען, ווי דער כהן אין בית-המקדש און די מלאכים אין הימל.

❖

דער **קאזניצער מגיד** - ר׳ ישראל הופשטיין זי״ע, האט באוואונדערט דעם ספר און זיך אויסגעדריקט אויפן ״קב הישר״: ״אז מען לערנט א שטיקל זוהר וואס געפינט זיך אין ״קב הישר״, איז דאס מער מסוגל מעורר צו זיין דעם מענטשן צו יראת שמים, ווי ווען ער וואלט געווען געלערנט דאס זעלבע שטיקל אין זוהר אליין (מאיר עיני חכמים תנינא, אמור).

# אינהאלט
## פון פרקים ז׳-ח׳


א. אין פרק ז׳ ווערט ערקלערט: די וויכטיגקייט פון זיך נישט גרויס האַלטן און די מעלה פון באַשיידנקייט און איר שכר ........ ז

ב. דער מענטש וואָס האַלט זיך גרויס ליגט אין די הענט פון די ס״א, עס איז גלייך ווי ער דינט עבודה זרה רח״ל. ........ ז

ג. עס איז נישטאָ מיט וואָס זיך גרויס צו האַלטן, נישט מיט רייכטום, אַפילו נישט מיט חכמה און תורה ........ ח

ד. פאַרוואָס קומט דוקא אויף דעם עושר פלוצלונג דער טויט און מוז זיך שנעל שיידן פון זיין פאַרמעגן ........ ח

ה. די קינדער פון עושר שרייען און וויינען אויפן טאַטענס קבר, אָבער קיינער העלפט זיי נישט ........ ט

ו. פיל חכמים זענען געשטרויכלט געוואָרן דורך זייער חכמה ........ י

ז. דער מענטש זאָל געדענקען! אַז זיין קלוגשאַפט וועט אים נישט העלפן קעגן מלאך-המות ........ י

ח. דורך ענווה האָבן אונזערע חכמים זוכה געווען צו ״כתר תורה״ ........ יא

ט. די טומאה פון דעם וואָס האַלט זיך גרויס איז ערגער פון די טומאה פון אַ נבילה. - אַ מעשה פון אל יהו הנביא ........ יא

י. אין גאווה איז איינגעשלאָסן אַלע עבירות שבתורה ........ יב

יא. דער מענטש וואָס האָט די מדה פון ענוה וועט געראַטעוועט ווערן פון חיבוט-הקבר ........ יב

יב. דער עניו רעדט רואיג, פאַרנעמט שטראָף-רייד און איז מודה אויפן אמת ........ יג

יג. רוב מענטשן וואָס האַלטן זיך גרויס לעבן נישט אויס זייערע יאָרן ........ יג

יד. פאַרקרימען גערעכטיגקייט, נייגט אָפּ דעם מענטשן פון לעבן צום טויט ........ יד

**טו.** דער וואָס איז מצער מענטשן שטעלט זיך אין גרויסע געפאַר ....... יד

**טז.** זייער פייפן איז אַרויף פאַר השם-יתברך... ........ טו

**יז.** השם יתברך מיט זיין גרויס רחמנות גיט אַכט אויף יעדן באַשעפעניש... ........ טז

**יח.** ווען מ'פירט זיך נישט אויף מיט צדק און יושר אויף דער וועלט, וועט פלוצלונג קומען זיין טאָג........ יז

**יט.** איין שונא זאָל ביי דיר זיין ווי פיל ........ יז

**כ.** דער מענטש וואָס שעלט זיין חבר, האָט אים השם יתברך פיינט........ יז

**כא.** השם יתברך שפרייט אויס זיינע פליגלען אויף דעם גערעכטן מענטש, ס'זאָל אים נישט שאַטן קיין קללות........ יח

**כב.** די וואָס ווערן געשאָלטן אומזיסט - ווערן באַלוינט........ יח

**כג.** די שטימע וועקט אויף די ביימער פון וואַלד און זיי ווערן פאַרציטערט........ יט

**כד.** מ'מיינט מיטוט אַ מצוה און מ'ווערט נכשל אין אונאה! [הוספה]....כא

**כה.** אין פרק ח' ווערט ערקלערט: די וויכטיגקייט פון אַכטונג געבן נישט צו טראַכטן קיין מחשבות-זרות ביים דאַוונען, ווי דער כהן אין בית-המקדש און די מלאכים אין הימל........ כט

**כו.** דער מענטש דאַרף זיין ביים דאַוונען ווי אַ מלאַך אָן וועלטלעכקייט........ כט

**כז.** פון די תפילות ווערט אַ קרבן צו השם יתברך........ כט

**כח.** תפילה אָן כוונה איז ווי אַ גוף אָן אַ נשמה........ ל

**כט.** איין געהעריגע תפילה ציט מיט אָן אַ שיעור נישט ריכטיגע תפילות........ לא

**ל.** אַפילו ס'גלוסט צו לערנען - איז דאָ צייט פאַר דאַוונען........ לא

**לא.** עס איז צייט, שלאָף אין צייט און דאַוונען אין צייט........ לא

**לב.** אָן דאַוונען קען מען נישט עקזיסטירן........ לב

**לג.** תפילה מיט טרערן ווערט שנעל אָנגענומען........ לב

**לד.** ווען אַ מענטש איז באמת באַהאַפטן צו השם יתברך, קען אים גאָר קיין שלעכטס נישט געשען........ לג

**לה.** ווען אַ מענטש איז באמת באַהאַפטן צו השם יתברך, קען אים גאָר קיין שלעכטס נישט געשען ........ לו

**לו.** השם יתברך טוט דעם רצון פון די וואָס פאָרכטן זיך פאַר אים ........ לו

**לז.** אַ מענטש פילט נישט די נסים וואָס ווערן געטאָן מיט אים שטענדיק ........ לז

**לח.** פון דעם קלאַפּ גופא ווערט באַשאַפן די רפואה ........ לז

**לט.** "גם זו לטובה" - כאָטש איך זע דאָס נישט איצט ........ לר

**מ.** איך גיי נישט אויף מיין געלעגער ביז איך בין נישט מוחל יעדן וואָס האָט מיך ווי געטאָן ........ לר

**מא.** דער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף השם יתברך, איז אַרומגערינגלט מיט חסד ........ לו

**מב.** נאַריש איז דער מענטש, וואָס מיינט אַז געלט איז אַלעס ........ לו

**מג.** די וואָס פאַרלאָזן זיך נאָר אויפן אויבערשטן - העלפט ער זיי אין גאַנצן אומנאַטירלעך ........ לו

**מד.** הוספה לפרק ז׳ ........ לר

**מה.** ווי דער גאון רבי עקיבא אייגער זצ״ל איז געווען נזהר אין כבוד הבריות ........ לר

**מו.** דער איד וואָס באַגריסט אַנדערע אידן, ווערט געבענטשט פון דעם אויבערשטן ........ לר

**מז.** הוספה לפרק ח אות יד ........ לכ

**מח.** אַלץ וואָס קומט אויפן מענטשן, זאָל ער גלייבן און באַשטימען ביי זיך אַז ס׳איז לטובה, כדי אים אָפּצורייניגן פון זיינע זינד ........ לכ

**מט.** וואָס דאַרף ער אַריינקומען אין מיין צימער?! ניין, איך וויל אים נישט איצט אויפנעמען! ........ כ

**נ.** דער רבי פלעגט אים אַזוי וואַרעם אויפנעמען, און איצט וויל ער אים נישט אויפנעמען... וואָס קען דאָס זיין?! ........ כ

**נא.** זיין האַרץ איז פאַרקלעמט געוואָרן, און איז געבליבן שטיין פאַרצווייפלט און פאַרשעמט ........ מא

נב. וואָס וויל ער פון מיר, ווער האָט אים בכלל גערופן אַהער?......... מא
נג. די אויגן פון דעם גאַסט זענען געוואָרן פול מיט טרערן ............ מב
נד. מיט אַ ציטערדיג האַרץ נעבן דעם רבינס טיר זיך געשטעלט ........ מב
נה. גיי לחיים ולשלום, איך בין זייער פאַרנומען... ........................ מב
נו. רבונו של עולם, וואָס טוט זיך דאָ... וואָס האָב איך געטאָן?!........ מג
נז. וואָס ס׳קען זיין די סיבה פאַרן קאַלטן קבלת פנים ..................... מג
נח. ענינים וואָס ערלויבן אים נישט צו פאַרנעמען זיך מיט אַ יחיד..... מג
נט. האָפנדיג אַז אום שבת קודש וועט אים דער רבי זיכער מקו״ב זיין ......................................................................... מג
ס. איך ווייס נישט וואָס איז דער יחוס פון די אייניקלעך ............ מד
סא. אַלע אָנוועזנדע האָבן געהאַט מיטלייד מיט זיין צער און בושה.......................................................................... מד
סב. ער שטרענגט זיך נישט אָן צולערנען און השלמה - ע״ר פאַרלאָזט זיך אויף זכות אבות............................................. מה
סג. פילן ממש ווי די וועלט איז זייערס. יעדער איז זיי שולדיג... ........ מה
סד. ממילא איז ער דאָך נישט סתם אַבי ווער... ............................ מה
סה. אַלע זענען געווען ״אבות״ -נישט קיין ״רבישע אייניקלעך״.......... מו
סו. וואָס איז געשען. ער איז דאָך דער זעלבער ווי שטענדיק?! .......... מו
סז. ער זאָל אים זעצן ביים עק טיש... ............................................. מז
סח. אַזאַ איידעלער יונגערמאַן זאָלליידן אַזויפיל בזיונות?! ............... מז
סט. פאַרוואָס קומט מיר אַזעלכע בזיונות. ...................................... מח
ע. איך בין גאָרנישט ערגער געוואָרן ווי אין די פריערדיגע יאָרן ....... מח
עא. עס פעלט נישט אויס, איך האָב שוין גענוג געהאַט.......................... מח
עב. מיר האָבן פרובירט מיט אַלע כוחות אַראָפּנעמען פון אים י״י דינים דורך די בזיונות, - די בזיונות וואָלטן געווען אַ כפרה אויף די שרעקליכע גזירה... ...................................................... מט
עג. די בזיונות האָבן געהאַט דעם ציל אַראָפּצונעמען פון אים י״י שרעקליכע גזירה ........................................................................ מט

# פרק ז׳

אין דעם פרק ווערט דערקלערט:

**די וויכטיקייט פון זיך נישט גרויס האַלטן**
**און די מעלה פון באַשיידנקייט און איר שכר**

**א. נְתָנַנִי,** עס שטייט: ״נְתָנַנִי ה׳ כָּל הַיּוֹם דָוָה״ (איכה א, יג) - ז״ו, השם יתברך, האָסט מיר געגעבן אַ גאַנצן טאָג ווייטאָג. זאָגן אונזערע חכמים זכרונם לברכה, אַז דאָס זאָגט די שכינה ווען זי שרייט אויף די מענטשן וואָס האַלטן זיך גרויס, זיי פאַרלענגערן דעם גלות השכינה כביכול (ווי באַוואוסט, ווייל די שכינה קען נישט זיין צוזאמען מיט אַ בעל גאווה. דעריבער רופט מען עס מיט דעם נאָמען ״גלות השכינה״), און דאָס מיינט דער פסוק ״וְהוֹדִי נֶהְפַּךְ לְמַשְׁחִית״ (דניאל י, ח) - און מיין שיינקייט איז איבערגעקערט געוואָרן צו אַ פאַרדאַרבער, דאָס זענען די מענטשן וועלכע האַלטן זיך גרויס, דרייען איבער דאָס וואָרט ״הוד״ צו ״דוה״, און דורך דעם קען דער מענטש פאַרשטיין ווי ווייט ער פאַראורזאַכט שלעכטס דורך זיין גרויסהאַלטן.

**דער מענטש וואָס האַלט זיך גרויס ליגט אין די הענט פון די ס״א, עס איז גלייך ווי ער דינט עבודה זרה רח״ל.**

**ב. על,** דעריבער זאָל דער מענטש אַריינטראַכטן, אַז נישט אומזיסט האָבן אונזערע חכמים זכרונם לברכה געזאָגט: ״כָּל הַמִּתְגָּאֶה כְּאִלּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה״ (סוטה ד, ב) - אַז דער וואָס האַלט זיך גרויס איז גלייך ווי ער דינט פרעמדע געטער, און דאָס איז געוויס ווייל דינער מענטש איז אונטערטעניגט און גיט איבער זיין לייב און נשמה אין די הענט פון די קליפות און עס איז גאַנץ שווער זיך אָפּצושיידן פון זיי. און דעריבער איז ער אין די הענט פון די קליפות רחמנא לצלן.

## עס איז נישטאָ מיט וואָס זיך גרויס צו האַלטן, נישט מיט רייכטום, אַפילו נישט מיט חכמה און תורה

**ג. על,** דעריבער זאָל זיך דער קלוגער אַריינטראַכטן אין די זינן און די שטראָף וועט ער פאַרשטיין אַז עס איז נישטאָ וואָס זיך גרויס צו האַלטן. אויב ער וויל זיך גרויס האַלטן מיט זיין רייכטום, האָט דאָך השם יתברך געזאָגט: "לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב" (חגי ב, ח) - דאָס מיינט: צו מיר באַלאַנגט דאָס זילבער און צו מיר באַלאַנגט דאָס גאָלד, און השם יתברך קען עס ביי אים צונעמען אין איין רגע.

**ד. כמו,** ווי מיר האָבן געזען אַז פיל רייכע מענטשן זענען גע'הרג'עט געוואָרן צוליב זייער רייכטום. די גזלנים האָבן אויף זיי געלויערט און זיי נאָכגעיאָגט, האָבן זיי געשלאָגן מיט שלעק און האָבן זיי געפייניגט מיט שווערע יסורים ביז זייער נשמה איז אַרויסגעגאַנגען צוליב שלעק און וואונדן, און אַ טייל פון זיי זענען אפילו צו קיין קבורה נישט געקומען. קומט אויס אַז די געלט האָט זיי פאַראורזאַכט דאָס שלעכטס, ווייל פיל מענטשן זענען געגאַנגען אין דעם וועג און עס האט זיי קיינעם קיין שלעכטס נישט געטראָפן, נאָר צו דעם רייכן מאַן האָט אַזוינס געטראָפן צוליב זיין רייכטום.

## פאַרוואָס קומט דוקא אויף דעם עושר פלוצלונג דער טויט און מוז זיך שנעל שיידן פון זיין פאַרמעגן

**ה. ולמה,** און פאַרוואָס זאָל זיך דער מענטש נישט אַריינטראַכטן, אַז פיל מענטשן וועלכע האָבן געהאָרעוועט בייטאָג און ביינאַכט, נישט געשלאָפן, אין די היץ און אין די קעלט, אין די רעגנס און אין די שנייען, ביז וואַנען זיי איז געלונגען אָנצוזאַמלען אַ גרויסע סומע געלט, הונדערט, טויזנט צו מער, און ווען עס איז געקומען די צייט זיך לאָזן וואוילגיין מיטן רייכטום.

**ו. פתע,** קומט פלוצלונג אויף אים דער טויט און ער מוז זיך שיידן פון אַלעמען, און לאָזט איבער צו אַנדערע דאָס רייכטום,

וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט מיט גרויס האָרעוואַניע, און געקליבן אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה, ביז ער האָט אָנגעקליבן דאָס גרויסע סומע, איז איז געצוואונגען געווען דאָס איבערצולאָזן פאַר אַנדערע מענטשן.

**ז. ולפעמים,** און עס טרעפט אַז זיין פרוי נעמט צו דאָס געלט פאַר איר כתובה, און ווען ער שטאַרבט האָט זי חתונה צו אַ צווייטן מאַן און זי גיט אים אַוועק דאָס גאַנצע געלט, און זיינע קינדער גייען אָפּגעריסן מיט צעריסענע קליידער און זיי געניסן גאָרנישט פון זייער פאָטער׳ס רייכטום. דערצו קוקן זיי זיך צו ווי זייער מוטער עסט און טרינקט פעטע פלייש און געשמאַקע וויין מיטן צווייטן מאַן, און דער צויט ווען זיי גייען אַרום באָרוועס און זיצן אין אַ זייט ביים אויון, און זיי וואָלטן זיך געוואונטשן מען זאָל זיי געבן פון אירע איבערגעבליבענע עסן.

**ח. והבנים,** און די קינדער זיפצן נעבעך דערויף און זאָגן איינער צום אַנדערן ״דאָס גאַנצע רייכטום איז דאָך פון אונזער פאָטער און מיר קענען זיך נישט העלפן״. דעריבער זאָל דער מענטש געדענקען, אַז דאָס זעלבע קען געשען דורך דעם אויבערשטן גראָז, וואָס ער איז מלך-מלכי-המלכים הקדוש-ברוך-הוא.

## די קינדער פון עושר שרייען און וויינען אויפן טאַטענס קבר, אָבער קיינער העלפט זיי נישט

**ט. וכאשר,** און ווי איך האָב אַליין געזען מיט מיינע אויגן, ווי פיל קינדער זענען געוואוינט געוואָרן אין תענוגים, און עס איז איבערגעדרייט געוואָרן פון ״ענג״ צו ״נגע״ און צרות, און נאָך זייער פאָטער׳ס טויט לויפן זיי צום קבר און שרייען, אָבער קיינער העלפט זיי נישט, ווייל די געשטאָרבענע זענען פאַרנומען מיט אָפּגעבן אַ דין-וחשבון אויף די זינד. דאָס אַלץ זאָל דער מענטש טראַכטן וועט ער זיך געוויס נישט גרויס האַלטן מיט זיין עשירות.

## פיל חכמים זענען געשטרויכלט געוואָרן דורך זייער חכמה

**י. ואם,** און אויב ער איז אַ חכם און האַלט זיך גרויס מיט זיין חכמה, זאָל ער ביי זיך טראַכטן אַז פיל חכמים זענען געשטרויכלט געוואָרן דורך זייער חכמה. און וואָס מער זיי האָבן פּרובירט זיך צו קליגן, אַלץ מער זענען זיי אַריינגכאַפּט געוואָרן אין אַ שלעכטן נעץ, דורך איין דיבור זענען זיי אַריינגעפאַלן אין אַזאַ שטרויכלונג וואָס זיי האָבן זיך נישט געקענט אויפשטעלן. ווי עס האָט געטראָפן צו פיל מענטשן וואָס האָבן זיך געוואָלט קליגן מיט זייערע רייד פאַר מלכים און שרים, און דערנאָך זענען זיי, דורך איין דיבור, אַריינגכאַפּט געוואָרן אין אַזאַ שלעכטס אַז זיי האָבן זיך נישט געקענט העלפן. און די מענטשן וועלכע האָבן זיך געהאַלטן קליין און האָבן געזאָגט מיט דעם לשון "איני יודע" - איך ווייס נישט, די זענען אַריין און אַרויס בשלום. אויב אַזוי, וואָס פאַרדינט דער קלוגער מיט זיין קלוגשאַפט, די קלוגשאַפט פון דער וועלט? קיין מענטש שפּייזט זיך דאָך נישט פון די חכמה, נאָר דורך דעם וואָס השם יתברך האָט אים געלאָזט וויסן ווי אַזוי ער זאָל באַקומען שפּייז און נישט דורך אָפּנאַרן דעם צווייטן.

## דער מענטש זאָל געדענקען! אַז זיין קלוגשאַפט וועט אים נישט העלפן קעגן מלאך-המות

**יא. על,** דעריבער דאַרף דער מענטש נעמען צום האַרצן אַז עס וועט פלוצלונג קומען דער טאָג ווען זיין חכמה וועט צו נישט ווערן, ווייל ער וועט קראַנק ווערן און נישט זיין ביים געדאַנק צוליב די קרענק, און אַ קינד וועט זיין קליגער פון אים, און די קלוגשאַפט וועט אים נישט העלפן פון דעם מלאך המות, וויי וויי, וואָס קומט אַרויס פון אַזאַ חכמה. דעריבער זאָל זיך דער מענטש נישט גרויס האַלטן מיט זיין חכמה.

## דורך ענוה האָבן אונזערע חכמים זוכה געווען צו ״כתר תורה״

**יב. ואם,** און אויב דער מענטש וועט זיך גרויס האַלטן מיט דעם וואָס ער לערנט תורה, וואָס זיין הארץ איז שאַוף, דורכגענומען און פאַרשטייט אין דער תורה אין דער טיף און אין דער ברייט, און עס דוכט זיך אים אַז עס איז נישטאָ זיין גלייכן אין דעם דור, און ער פאַרשטייט נישט אַז אין דעם דור זענען נאָך פאַראַן אַזעלכע לומדים ווי ער, און פונדעסטוועגן זענען זיי גערעכנט, קעגן די תנאים און אמוראים די חכמי התלמוד, ווי שאָלעכץ פון קנאָבל. און טראָץ זייער גרויסקייט זענען זיי געווען קליין ביי זיך, ווי עס שטייט אין פיל ערטער אין תלמוד און אין מדרש וועגן די געוואַלדיגע ענוה פון די ערשטע, די אַמאָליגע חכמים. און דעריבער האָבן זיי זוכה געווען צו כתר תורה. און אויב חס-וחלילה האַלט זיך דער מענטש גרויס מיט זיין לערנען, פאַרשטאַרקט ער דעם סטרא אחרא, און די גאַנצע סטרא דקדושה אַנטלויפט פון אים, ווי עס שטייט אין ספר ״גבעת המורה״.

## די טומאה פון דעם וואָס האַלט זיך גרויס איז ערגער פון די טומאה פון אַ נבילה. - אַ מעשה פון אליהו הנביא

**יג. מעשה,** אַ חסיד איז געגאַנגען אין וועג, און מיט אים איז מיטגעגאַנגען אליהו הנביא. אויפן וועג האָבן זיי אָנגעטראָפן אַ נבילה פון וועלכע עס האָט זיך געלאָזט זייער אַ שלעכטער גערוך. דער חסיד האָט געהאַלטן די נאָז מיט זיין האַנט און אליהו הנביא, וועלכער איז געווען נאָענט צו דער נבילה, האָט גאָר איבערהויפּט נישט געפילט. גייענדיג ווייטער האָבן זיי באַגעגנט אַ מענטש פון דער ווייטנס וועלכער האָט זיך זייער גרויס געהאַלטן און געריסט און נאָך זייענדיג ווייט האָט אליהו הנביא צוגעלייגט די האַנט צום נאָז, האָט אים דער חסיד געפרעגט פאַר וואָס האָט מיין האַר נישט געלייגט די האַנט אויפן נאָז ביי דער נבילה, האָט אים אליהו הנביא

געענטפערט אַז דער גערוך איז ערגער פון דער נבילה, ווייל ווען אַ מענטש רירט אָן אַ נבילה איז ער טמא ביז פאַרנאַכט, דער וואָס רירט אָבער אָן אָט דעם מענטש באַקומט פון אים האַרבע טומאות.

## אין גאווה איז איינגעשלאָסן אַלע עבירות שבתורה:

**יד. ואם,** דאָס איז דער כלל, דאָס גרויסהאַלטן זיך איז געפערליך, דורך דעם קומט אַרויס געשלעג, קנאה, פיינטשאַפט, לשון-הרע, בייזערן זיך, ליגנס און ליצנות. און אַז דו וועסט זיך אַריינטראַכטן דעריין וועסטו זען אַז אַלע עבירות פון דער תורה זענען אַריינגערעכנט אין איר, און דער פגם פון גרויסהאַלטן איז זייער גרויס. ווי צו דעם וואָס איז געוואוינט אין דעם און האַלט זיך אין אָן אין דעם, ווי איז צו זיין נפש.

## דער מענטש וואָס האָט די מדה פון ענוה וועט געראַטעוועט ווערן פון חיבוט-הקבר

**טו. ואשרי,** און וואויל איז צו דעם מענטש וואָס באַהעפט זיך צו דער מדה פון ענוה און אונטערטעניגקייט. דאָס איז זייער שיין און געלויבט, און זי ברענגט דעם מענטשן צו עולם-הבא און זי ראַטעוועט אים פון חיבוט-הקבר, ווייל עס איז נישטאָ קיין בעסערע מדה וואָס וואַשט און רייניגט דעם מענטשן ווי די מדה פון ענוה, וואָס דער חומר ווערט רוחני, און אויך דער קערפער פון מענטש וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געפירט קליין האַלטנדיק לייכט אין קבר מיט אַ קלאָרע ליכט, און באַקומט ליכטיקייט פון דער אייבערשטער הייליגקייט, און איז זוכה צו הערן די פאַרבאָרגנקייט פון תורה אין אייבערשטנ׳ס ישיבה, און דער גוף מיט די נשמה לייכטן אין איינעם. און דאָס אַלץ קומט דורך די מדה פון ענוה, און די הנאים, רבנים און אמוראים וועלכע פלעגן זיין געוואוינט מיט נסים, און אליהו הנביא פלעגט זיך אַנטפלעקן צו זיי און רוח הקודש פלעגט זיינען

אויף זיי, דאָס אַלץ איז געווען דורך דער מדה פון ענוה וואָס זיי האָבן געהאַט אין זיך.

## דער עניו רעדט רואיג, פאַרנעמט שטראָף-רייד און איז מודה אויפן אמת

**טז. כי,** ווייל דער אונטערטעניגטער, דער עָנָיו, איז מודה אויף דעם אמת און פאַרנעמט שטראָף-רייד און רעדט רואיג, ער איז געליבט אין הימל און איז לוסטיג ביי מענטשן. דעריבער מוז דער מענטש בעטן ער זאָל זוכה זיין צו די מדה אַזוי ווי דער חסיד שרייבט אין ספר ״שלהבת״ אַז נאָך שמונה-עשרה פאַר ״יהיו לרצון״ זאָל דער מענטש זאָגן די תפלה ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם״ - דער האַר פון דער וועלט, ״זַכֵּנִי לְמִדַּת עֲנָוָה״ - זיי מיך מזכה איך זאָל קומען צו די מדה פון ענוה, ״וּלְמִדַּת הַכְנָעָה״ - און צו די מדה פון אונטערטעניגקייט, ״כְּדֵי שֶׁאֶהְיֶה מְקֻבָּל וּמְרֻצֶּה לָעָם״ - אַז איך זאָל זיין אָנגענומען און באַוויליקט צו דעם פאָלק. און דערנאָך זאָל ער זאָגן ״יהיו לרצון וכו׳״. און באמת דאַרף דער מענטש זיך אָנשטרענגען ביים דאַווענען מיט געוויין און געבעט פאַר השם-יתברך ער זאָל פון אים אַוועקנעמען די מדה פון גאווה און ער זאל זיך באַהעפטן אין די מדה פון ענוה. (די אויבענדערמאָנטע תפלה איז געדרוקט אין די תפלה אלקי נצור אינמיטען נאָר סאַך זיינע לאָזן עס אויס, דאַרף מען זעהן דערצו מ׳זאָל עס זאָגען).

## רוב מענטשן וואָס האַלטן זיך גרויס לעבן נישט אויס זייערע יאָרן

**יז. כי,** ווייל מערסטע פון די וועלכע האַלטן זיך גרויס שטאַרבן יונג, זיי לעבן אויס מער נישט ווי האַלב פון זייערע יאָרן, און דאָס איז געוויס ווייל דאָס גרויסהאַלטן זיך איז גורם אַז מענטשן זאָלן אים פיינט האָבן, ווייל די אויפפירעכץ פון דעם וואָס האַלט זיך גרויס איז שלעכט אין זייערע אויגן, און דעריבער האָבן זיי אים פיינט און דורך דעם קען ער גיך גיין פון דער וועלט. אויך אויב אים פאַרגלוסט זין צו

זיין ראש-הקהל אָדער אַ רב אין זיין קהלה, אָבער צוליב זיין גרויס האַלטן זיך אַז קיינער איז גאָרנישט קעגן אים, רעכנט ער זיך נישט מיט זיי, וואָס אויך צוליב דעם קען זיין לעבן פאַרקירצט ווערן רחמנא-לצלן.

## פאַרקרימען גערעכטיקייט, נייגט אָפּ דעם מענטשן פון לעבן צום טויט

**יח. ועבירה,** און איין עבירה שלעפט נאָך אַן עבירה. ווייל ער וויל שטענדיק זיין פון די געווינער און נישט פון די פאַרשפּילער, קוקט ער נישט צו עס איז גוט צו שלעכט, צו עס איז אַ גלייכע זאַך צו נישט, נאָר אַז ער זאָל אַרויס דער געווינער, און מאַכט קאַליע די דינים און פאַרקרימט די גלייכע משפּטים, און דאָס איז באַוואוסט אַז דאָס פאַרקרימען די גערעכטיקייט, נייגט אָפּ דעם מענטשן פלוצלונג פון לעבן צו טויט. דערצו, צוליב זיין גרויס-האַלטן זיך, עפנט ער אַ מויל אויך קעגן די תלמידי-חכמים וועלכע זענען געקומען אים וואָרענען אויף זיינע רייד און זיינע מיאוסע וועגן.

## דער וואָס איז מצער מענטשן שטעלט זיך אין גרויסע געפאַרן

**יט. וכאשר,** און וויבאַלד די עבירה געפינט זיך, בעוונותינו הרבים, ביי פיל מענטשן און ספּעציעל ביי די הויפּט און פירער פון קהילות, וואָס מערן זיך שטענדיק (אין דער צייט פון מחבר האָבן זיך די פירער געפירט נישט ווי מען דאַרף. אָבער אין אונזער צייט האַלט די רעגירונג אַן אויג זיי זאָלן זיך נישט אָפּקערן פון די גלייכע וועגן און גערעכטיקייט) ביז זיי קומען דערצו מצער צו זיין תלמידי-חכמים, און פלוצלונג ווערן זיי אָפּגעבריט מיט זייערע קוילן און גייען אַוועק פון דער וועלט ווי אַ שאָטן וואָס איז אַריבער, און דערצו גייט ער אַריין צווישן די וואָס פלאָגן די רבנן צו געוועלטיקן איבער זיי מיט געוואַלד. קום און זע, דער וואָס איז מצער מענטשן שטעלט זיך אין

גרויסע געפאַרן, און אפילו דער וואָס איז מצער אַ בהמה, אַ חיה און אַן עוף באַקומט ער אַ שטראָף, ווייל עס עקזיסטירט נישט קיין שום זאַך אָן אַ מזל, און דער מזל פון דעם וואָס האָט צער זאָגט שלעכט אויף אים, און געוויס אַז דער וועלכער איז מצער אַ תלמיד-חכמים באַקומט אַן עונש.

**כ. באָ,** קום און זעה וואָס עס דערצוילט דער "בעל החרדים" וועגן אַ מענטש, אַ פיינער און גלייכער מענטש, וואָס דער הייליגער אר״י ז״ל איז ביי אים איינגעשטאַנען און דער מענטש האָט אים אָפגעגעבן גרויס כבוד. פאַר זיין אַוועקפאָרן האָט דער הייליגער אר״י ז״ל אים געפרעגט, וואָס זאָל איך דיר אָפצאָלן פאַר דער שיינער אויפנאַמע און די גוטע באַצואונג צו מיר? איך בין גרייט דיר צו באַצאָלן פאַר אַלץ וואָס דו האָסט זיך אָנגעשטרענגט און געטאָן פאַר מיר. האָט דער בעל-הבית געענטפערט אַז ער האָט קינדער און איצטער קען זיין פרוי מער נישט האָבן קיין קינדער, אפשר קען ער אים העלפן.

## זייער פייפן איז אַרויף פאַר השם-יתברך...

**כא. והשיב,** האָט אים דער אר״י ז״ל געענטפערט, אַז זיין פרוי האָט אויפגעהערט האָבן קינדער, צוליב דעם ווייל ביי אים שטוב איז געווען אַ קליינער לייטער וואו די קליינע הינער פלעגן אויף אים אַרויף און אַראָפּ צו טרינקען וואַסער אין אַ כלי וואָס איז געשטאַנען נעבן דעם לייטער און פלעגן זיך דאָרט אָנטרינקען, און איין מאָל האָט דיין פרוי געהייסן די באַדינערן אַוועקנעמען דעם לייטער פון דאָרט, און כאָטש זי האָט טאַקע נישט געמיינט מצער זיין די הינער נאָר אַז די הויז זאָל זיין ריין, אָבער זינט דאַן האָבן די הינער גרויס צער ווייל זיי קענען נישט פליען ווייל זיי זענען נאָך געווען קליין און זיי האָבן געליטן גרויס דאָרשט און זייער פייפן איז אַרויף פאַר השם-יתברך וואָס ער דערבאַרעמט זיך איבער אַלץ וואָס ער האָט געמאַכט, און צוליב דעם האָט זי אויפגעהערט האָבן קינדער. דער בעל-הבית

האָט צוריק געשטעלט דעם לייטער אויף דעם ערשטן אָרט און השם-יתברך האָט געהאָלפן און זי האָט צוריק געבוירן קינדער ווי פריער.

## השם יתברך מיט זיין גרויס רחמנות גיט אַכט אויף יעדן באַשעפעניש...

**כב. הרי,** פון דעם איז געדרונגען אַז השם-יתברך גיט אַכטונג מיט זיין גרויס רחמנות און גענאַד אויף יעדן באַשעפעניש און באַצאָלט צו די וואָס זענען מצער מענטשן, און אויף אַלעס מוז דער מענטש געבן דין און חשבון. דעריבער מוז דער מענטש געוואָרנט זיין אַז ער זאָל נישט מצער זיין זיין חבר אומזיסט.

**קום** און זעה וואָס עס שטייט אין דעם ערשטן פּרק פון חגיגה (דף ה' ע"א): "מַאי דִכְתִיב" - וואָס מיינט דער פסוק (קהלת יב, יד): "כִּי אֶת כָּל מַעֲשֶׂה הָאֱלֹהִים יָבִיא בְמִשְׁפָּט" - אויף דעם אַלעמען וועט השם-יתברך דיך ברענגען צום משפט, "עַל כָּל נֶעְלָם" - אויף יעדער באַהאַלטענע זאַך, "אִם טוֹב וְאִם רָע" - אויב עס איז גוט אָדער שלעכט, "זֶה הָרוֹקֵק לִפְנֵי חֲבֵירוֹ" - דאָס מיינט מען דעם וואָס שפּייט פאַר זיין חבר, "וַחֲבֵירוֹ נִמְאָס בָּהּ" - און זיין חבר מיאוסט זיך פון דעם. און אין ספר חסידים (סימן מ"ד) שטייט:

**כג. מעשה,** אַ חסיד וועלכער פלעגט צודעקן אַלע שפּייעכץ וואָס ער פלעגט שפּייען, און אויך אַלע שפּייעכץ וואָס אַנדערע פלעגן שפּייען. ער האָט עס געטאָן טאָמער וועט איינער זען די שפּייעכץ פון אַן אַנדער מענטש און וועט נישט מוחל זיין דעם וואָס האָט געשפּיגן. דערפון זעען מיר ווי ווייט די ערשטע חסידים האָבן זיך אָנגעשטרענגט נישט צו מצער זיין דעם חבר ווייל פיל מענטשן זענען נישט אָפּגעהיט אין דעם.

## ווען מ׳פירט זיך נישט אויף מיט צדק און יושר אויף דער וועלט, וועט פלוצלונג קומען זיין טאָג...

**כד. ובפרט,** און ספּעצועל אין דעם דור וואָס זיי ווייסן פון קיין צדק ויושר, און אין מערסטע פאַלן אויך מיט שטאַרקייט, און זיי ווייסן נישט אַז ווען מען פירט זיך נישט אויף מיט צדק יושר ז״אָ אונטן, משפט אים דער בית-דין של מעלה און פלוצלונג וועט קומען זיין טאָג און זיין דין.

## איין שונא זאָל ביי דיר זיין ווי פיל

**כה. ועל,** און אויף דעם האָט אָנגעזאָגט דער ראַ״ש ז״ל אין דעם קונטרס ״אורחות חיים״ (יום חמישי, סימן פ״ט), און אַזוי שרייבט ער: ״אַל יִהְיוּ מְרֻבִּים בְּעֵינֶיךָ אוֹהֲבִים״ - עס זאָל אין דיינע אויגן נישט פיל זיין די ליב האָבערס, ״וְיִהְיֶה שׂוֹנֵא אֶחָד בְּעֵינֶיךָ כִּמְרֻבִּים״ - און איין שונא זאָל ביי דיר זיין ווי פיל. אָבער די מענטשן טוען נישט אַזוי, נאָר צוליב אַ קליינע זאַך אין אַ געשעפט אָדער אין עפּעס אַנדערש שעלט מען דעם חבר מיט האַרבע קללות.

## דער מענטש וואָס שעלט זיין חבר, האָט אים השם יתברך פיינט

**כו. ולא,** און עס איז נישט רעכט צו די קינדער פון אברהם אבינו צו זיין געוואוינט מיט קללות נאָר מיט ברכות און מיט גוטע רייד וואָס אין זיי איז פאַראַן נחת רוח צו השם יתברך, ווייל דער מענטש וואָס שעלט זיין חבר האָט אים השם-יתברך פיינט, ווייל השם-יתברך האָט צוגעזאָגט צו אברהם אבינו (בראשית יב, ג): ״אוֹרְרֶיךָ אָרוּר וּמְבָרְכֶיךָ בָּרוּךְ״ - דער וואָס וועט דיר שעלטן דער זאָל אַליין געשאָלטן ווערן און דער וואָס וועט דיך ברענטשן זאָל זיין געבענטשט. און השם-יתברך האָט געגעבן אַ רינג אין דעם מויל פון בלעם הרשע וואָס ער האָט געוואָלט שעלטן די אידן, זענען די קללות איבערגעקערט געוואָרן צו ברכות.

## השם יתברך שפּרייט אויס זיינע פליגלען אויף דעם געּרעכטן מענטש, ס׳זאָל אים נישט שאַטן קיין קללות

**כז. ודע,** און זאָלסט וויסן אַז איך האָב געפונען געשריבן אַז יעדערער וואָס שעלט זיין חבר אומזיסט, אָן קיין אורזאַך, שפּרייט אויס, השם-יתברך, זיינע פליגל אויף דעם גערעכטן מענטש אַז קיין שום קללה זאָל אויף נישט ווירקן, און זאָלסט וויסן אַז עס איז פאַראַן אַ מענטש וואָס זיין טבע איז שלעכט רחמנא-ליצלן, און זיינע אויגן און זיין מויל און האַרץ זענען אַלע פון מקור פון סטרא אחרא, און זיין קללה איז געפערלעך, ווי רבי יהודה החסיד שרייבט אַז די חיצונים זענען גרייט מקטרג צו זיין דורך דער קללה און ווען השם-יתברך זאָל אים נישט באַשיצן אַז די קללות זאָלן נישט ווירקן ווייל ער האָט צוגעזאָגט צו אברהם (בראשית יב, ב): "וֶהְיֵה בְּרָכָה", וואָלטן חס-וחלילה מקוים געוואָרן די קללות אויף דעם מענטשן.

## די וואָס ווערן געשאָלטן אומזיסט - ווערן באַלוינט

**כח. וצריך,** און נאָך מען דאַרף וויסן, אַז נישט נאָר וואָס די קללות ווערן נישט פאַרווירקלעכט, נאָר די וועלכע זענען געשאָלטן געוואָרן אומזיסט ווערן נאָך באַלוינט. ווי עס שטייט אין ירושלמי אין מסכת פאה (פרק ח׳ הלכה ו׳), אַז רבי יוסי האָט געמאַכט פרנסים און גבאים אין זיין שטאָט וואו ער האָט געוואוינט, דאָבן די מענטשן נישט געוואָלט זיין קיין פרנסים און קיין גבאים מחמת זייער גרויס באַשיידנקייט, האָט רבי יוסי פאַר זיי געזאָגט אַז איינער וואָס האָט געהייסן בן בבא איז געווען אָנגעשטעלט איבער די קנייטלעך פון די לאָמפּן וואָס מען האָט אָנגעצונדן אין בית-המקדש, און האָט זוכה געווען צו זיין פון די גדולי הדור, און איר, וואָס איר זייט אָנגעשטעלט איבער אַזעלכעס וואָס עס איז פאַראַן אין דעם לעבנס ענינים, וועט איר זיכער באַקומען גרויס שכר פאַר דעם.

**כט. רבי,** רבי אלעזר איז אַ מאָל געוואָרן אַ גבאי צדקה. איין מאָל

איז ער אַהיים געקומען, פרעגט ער דאָס הויזגעזינד וואָס פאַר ז
גמילות-חסד האָט איר היינט געטאָן, האָבן זיי אים געזאָגט אַז עס אי
געקומען אַ גרופּע אָרעמע לייט, און האָבן געגעסן און געטרונקען, או
האָבן אויף אונז מתפלל געווען מיר זאָלן געבענטשט ווערן. האָט ער צו
זיי געזאָגט, דאָס איז נישט קיין גוטע באַלוינונג. אַן אַנדערס מאָל אי
ער ווידער אַהיים געקומען, האָט ער זיי ווידער געפרעגט וואָס פאַר ז
גמילות-חסד האָט זיך אייך היינט געטראָפן, האָבן זיי אים געזאָגט: ע
איז געקומען אַ גרופּע אָרעמע לייט און האָבן געגעסן און געטרונקע
און האָבן דיך געשאָלטן. האָט ער צו זיי געזאָגט: דאָס איז אַ גוט
באַלוינונג, ווייל השם-יתברך וועט מיר דערפאַר געבן ברכות. קומט
אויס אַז ער האָט זיך געפרייט מיט דעם וואָס זיי האָבן אים אומזיסט
געשאָלטן.

## די שטימע וועקט אויף די ביימער פון וואַלד און זיי ווערן פאַרציטערט

**ל. ובאשר,** און ווייל די זינד געפינט זיך ביי מענטשן, צו שעלט
איינער דעם צווייטן, האַלט עס אָפּ פון תשובה טאָן אוי
די זינד. דעריבער קומען מיר דערמאָנען צו די וועלכע האָבן מורא פו
השם-יתברך און האַלטן הייליג זיין נאָמען, עס זאָל נישט אַרויסגיין פו
זייער מויל קיין קללה, אַזוי אַז ער זאָל קענען גרינגערהייט תשובה
טאָן, ווייל השם-יתברך רופט אויס וועגן תשובה יעדן טאָג און זאָגט
(ירמי׳ ג, יד): ״שׁוּבוּ בָנִים שׁוֹבָבִים״ - קערט זיך אום ווילדע קינדער.
ווייל זיין האַנט איז אויסגעשטרעקט אַנצונעמען די וועלכע ווילן
תשובה טאָן. און וויסן זאָלסטו אַז ווען דער אויסגעשריי גייט אַרויס
פון הימל, ווערט די שטימע געהערט אויף דער וועלט, און די שטימע
וועקט אויף די בוימער אין וואַלד און זיי ווערן פאַרציטערט און זיי
זינגען שירה פאַר השם-יתברך מיט צוטער און מיט שרעק, ווי עס
שטייט אין זוהר בראשית (הקדמה, דף ה׳ ע״א-ז׳ ע״א):

**לא. רבי,** רבי אליעזר און רבי אבא זענען געגאַנגען אין וועג און האָבן געלערנט תורה, האָט רב המנונא דער אַלטער זיך באַהעפט צו זיי (רב המנונא איז שוין געווען געשטאָרבן). זיי זענען געגאַנגען און האָבן דערגרייכט צו אַ באַרג, און די זון דאָט שוין אָנגעהויבן אונטערגיין, און די צווייגן פון די בוימער אָנגעהויבן צו קלאַפּן איינס אין אַנדערן און האָבן געזאָגט שירה, און ביז זיי זענען אַוועקגעגאַנגען האָבן זיי געהערט אַ שטאַרקע שטימע וואָס האָט געזאָגט "איר הייליגע נשמות וואָס זענען פאַרשפּרייט צווישן די לעבעדיגע, זאָלט איר וויסן אַז די הייליגע נשמות די בני מתיבתא האָבן זיך איינגעזאַמלט צו זייער אָרט צו לערנען תורה". זענען רבי אליעזר און רבי אבא געבליבן שטיין אויף זייער אָרט מיט גרויס שרעק. האָט זיך דערהערט אַ שטימע וואָס האָט געזאָגט: "שטאַרקע שטיינער! הויכע האַמערס! (געמיינט די צדיקים וועלכע לעבן שוין נישט, וואָס אויך זיי געפינען זיך צווישן די לעבעדיקע צו הערן תורה). אין דער צייט האָבן זיי געהערט אַ שטימע וואָס זאָגט קומט און זאַמלט זיך צונויף, דעמאָלט האָבן זיי געהערט די צווייגן פון די בוימער האָבן געזאָגט שירה די פסוקים (תהלים כט, ד-ה): "קוֹל ה׳ בַּכֹּחַ וְג׳" קוֹל ה׳ שֹׁבֵר אֲרָזִים וְגוֹ׳". פון דעם קען דער מענטש לערנען נישט צו שעלטן און טאָן תשובה און דאַן וועט אים גוט זיין שטענדיג.

❖ ❖ ❖

## הוספות לפרק ז׳

## מ׳מיינט מ׳טוט אַ מצוה און מ׳ווערט נכשל אין אונאה!

**ס׳איז** ידוע אַז איינס פון די האַרבסטע ענינים וואָס אָנבאַלאַנגט בין אדם לחבירו איז "אונאה", דאָס מיינט מצער זיין יענעם. די חז"ל (ב"מ נט) זאָגן אַז אַלע טויערן זענען פאַרמאַכט אין הימל אויסער די טויערן פון אַ קרעכץ אָדער צער פון אַ געטשעפעטן מענטש. דאָס גיט זיך אויס אויף זייער אַ סך אופנים. אַ טשעפּ געבן יענעם סתם אַזוי, חוזק מאַכן פון יענעם׳ס אויסזען צו ווייל ער איז פעט, צו נידעריג, אַ לאַנגע נאָז, אַ הויקער, אַ רויטער, נישט צו קלוג, רעדט צו-פיל, רעדט נישט צו דער זאַך, שמייכלט ווען מ׳קוקט אויף יענעם וואָס דאַכט זיך דורכדעם אַז מ׳לאַכט אים אויס.

**אַמאָל** איז עס אויך ווען מ׳שרייט יענעם אָן אָדער מ׳שייגעצ׳ט איס אויס, בפרט ברבים, ווען מען איז נישט באַרעכטיגט. צומאָל איז מען צוקאָכט ווייל יענער האָט געטאָן אָדער רעדט זאַכן וועלכע האָבן אים אַרויסגעברענגט פון די כלים. א.אַ.וו. וואָס איז אַלס נישט קיין היתר מצער צו זיין.

**די אַלע** ביישפּילן טראָצדעם וואָס זיי זענען אין קאַטעגאָריע פון אונאה זענען אָבער צוויטווייליגע צער וועלכעס גייט שנעל אַדורך און וועפּט אויס גיך (פאַרגעסט נישט יעדע כלל האָט אויסנאַמען, אַמאָל באַרירט מען אַ האַקעלען פונקט וועלכעס קריכט אַריין ביי יענעם אין די קישקעס און עסט אים אויף). פונדעסטוועגן איז עס נאָך אַלס אונאה און מ׳דאַרף זיך היטן דערפון.

**פון אַ** צובראכענעם מיטגעמאַכטן מענטש דאַרף מען אַכטונג געבן ווי מ׳שפּילט מיט פייער, דורך זייער צובראָכנקייט שפּירן זיי יעדן צער שטאַרק, און נעמען עס אָן ערנסטער, וואָס דורכדעם זענען די קאָנסעקווענצן וואָס מ׳קען ח"ו ליידן ערגער און קומען שנעלער, ווי די חז"ל זאָגן (עי׳ ב"מ נט. רש"י ד"ה אונאה קרובה לבא). ווען מ׳באַגעגנט אַ

דערשלאָגענעם דאַרף מען געדענקען אַז די שכינה באַגלייט אים, און ער האָט אַ כח אויףביידע וועגן... (אני ד׳ שוכן את דכא) דערנאָך ווען מ׳באַגעגנט אַזאַ איינעם דאַרף מען שטענדיג אַריינוואַרפן אַ גוט וואָרט, ווייל מיט דעם גיט מען זיי חיות. און נישט נאָר ווען מ׳באַגעגנט זיי פּערצופּאַל נאָר נעמען די מיה און צוגיין צו זיי ווען מ׳זעט זיי פונדערווייטנס זאָגן אַ גוטן טאָג מיט אַ ברייטן שמייכל ״וואָס מאַכסטו?״ און איבערלאָזן אַ האַרצוגע ברכה צום געזעגענען ״השי״ת זאָל דיך באַגליקן מיט אַלעם וואָס אַ אידיש קינד דאַרף האָבן ברוחניות ובגשמיות, און עס זאָל דיר שטענדיג זיין וואויל און לעכטיג, א.אַ.וו. יעדער לויט זיין שפּראַך.

**מיט די** (און ענליכע) פאַר ווערטער וועלכע דויערן סעקונדעס קויפט מען זיך איין עולם הבא. די גמרא דערציילט מ׳האָט געפרעגט אליהו הנביא ווער איז אַ בן עולם הבא? האָט ער אָנגעוויזן אויף צוויי אידן וועלכע מאַכן פריילך צובראָכענע מענטשן. די כוונה איז זאָגן ווערטער פון חיזוק פאַר נידערשלאָגענע און ליידענד׳ע. אפילו אויב יענער איז ליידער גייסטיש נישט באַלאַנסירט אויף 100 פּראָצענט טאָר מען אים נישט אָוועקשטויסן און אַוודאי נישט מצער זיין. אדרבא דער עונש קען נאָך זיין פיל גרעסער ח״ו, ווייל מצער זיין אַ בהמה איז האַרבער ווי אַ מענטש צוליב זיין אומבאַהאָלפענקייט.

**פון צווייטן** זייט איז די מצוה פון דערפרייען אַ אידיש האַרץ, אויפלעבן אַן אָנגעווייטאָגטע נשמה׳לע די גרעסטע שמחה וואָס מ׳קען שאַפן פאַר׳ן באַשעפער. דער הייליגער וועלט׳ס באַרימטן פוסק דער רמב״ם ז״ל שרייבט (סוף ה׳ מגילה) אַז די גרעסטע שמחה אין די עולמות עליונים איז צו דערפרייען די צובראָכענע מענטשן. ס׳נישט פאַראַן העכערס פון דעם.

**פאַראַן** מענטשן מיט די נאַטור אַז ווען זיי באַגעגענען אַנדערע האָבן זיי ליב עפּעס צו זאָגן, זאָלן זיי וויסן אַז זיי פאַרמאָגן אַ

טייערן אוצר וועלכע קען זיי קונה זיין עולם הבא אָן געלט אָן צייט פאַרברענגען, און אָן פיזישע אָנשטרענגונגען מיט אַ גוט וואָרט מיט אַ שמייכל מיט אַביסל וואַרעמקייט. וואויל איז דעם וועלכער געוואוינט זיך צו דעם שטייגער לעבן, און ברענגט מזל און ברכה אויף זיך און זיי גאַנצע משפחה, ווייל די ברכות וואָס זיי ווינטשן אָפן און פון האַרצן גרייכן זייער הויך. און נישט ח״ו אויסנוצן דעם טאַלאַנט פון רעדן אַ סאַך אין פאַרקערטן ריכטונג. אַ שאָד אַזעלכע כשרונות זאָל נישט אויסגענוצט ווערן צו די העכסטע מדריגה פון חסד.

**דער קלימאַקס** פון אונאה פון אָנווייטיגן יענעם איז ווען עס קריכט אַריבער די גרעניצן פון בלויז רייד, עס ווערט אַ מציאות. עס איז פאַראַן זייער אַסאַך ביישפילן, מיר וועלן זיך קאָנצענטרירן איבער די אַקטועלע, וועלכע זענען זייער אָנגעווייטאָגטע.

**אונזער** כוונה איז נישט ח״ו אָנצוגרייפן די וועלכע טוען נישט ריכטיג, ווייל ס׳איז ברור כשמש און דער פאַקט האָט דאָס איבערצויגט אַז די אַלע באַגרייפן נישט אַמאָל אַז זיי טוען עפּעס נישט ריכטיג, אינדערצייט ווען זיי מיינען גאָר אַ טובה צו טון.

**ס׳פּאַסירט** גאַנץ אָפט ווען מענטשן רעדן זיך אָפּ פון האַרץ זייערע פּראָבלעמען און קלעמענישן דער וועגן זיין שלום בית, דער צווייטער וועגן שווער אָדער שוויגער, דער דריטער וועגן אייגענע עלטערן פון וועלכע מ׳האָט אויסצושטיין שווערינקייטן א.אַ.וו.

**דער סדר** העולם אין אַזאַ צייט איז צו האָבן מיטלייד מיט׳ן פאַרפלאָגטן מענטש און מען פּרובירט אים לינדערן זיינע שמערצן אַמאָל מיט טרייסט ווערטער און אַמאָל מיט עצות.

**און** דאָ הייבן זיך אָן די פּראָבלעמען (בעסער געזאָגט, צרות), נעמלי׳ך די תורה הקדושה וועלכע לערנט אונז דעם וועג אין לעבן אויף טריט און שריט לערנט אונז צו זיין זייער פאָרזיכטיג ווען מ׳הערט פון

אַ צווייטן זיין פיין און ליידן וועלכע קומען דורך אַ דריטן פּערזאָן, די תורה שרייבט ״שמוע בין אחיכם״, וואָס באַדייט אַז בית דין טאָר נישט הערן איין בעל דין אָן דעם צווייטן, ד.מ. אַז אפילו עווענטועל וועט דער בית דין אויך הערן די טענות פון צווייטן, טאָרן זיי נישט אויסהערן די טענות פון ערשטן פאַר דעם. אַלע טענות מוזן אויסגעהערט ווערן דוקא אין געגנוואַרט פוןביידע בעלי דינים.

**די חז״ל** אין אָנהייב סנהדרין און אויך די ראשונים ואחרונים ערקלערן די טיפזיניגקייט און חכמה וואָס אין דעם ליגט (און מ׳זעט עס אין טאָג טעגליכן לעבן), אַ מענטש ווערט נאַטירלעך איבערגענומען ווען ער הערט פון יענעם טראַגישן איבערלעבענישן (ברית כרותה לשפתים), עס באַהערשטן זיינע געפילן און מיט די צייט ווערט עס טיף איינגעבאַקן ביי אים, און אפילו ער זאָל נאָכדעם הערן פון צווייטן זייט אַנדערע ווערטער בלייבט ער מיט אַ נטי׳ (אָפּנייג) צום ערשטן און אפילו אויב נישט גייט ער צוריק צום ערשטן און גיט איבער וואָס ער האָט געהערט פון צווייטן, און נעמט אָן וואָס ער זאָגט אים אָפּצושלאָגן די טענות פון צווייטן.

**ווען** מ׳הערט איינעם אַליין ברענגט ער אַרויס אַלע זיינע פונקטן מיט אַ ברייטקייט נישט פילענדיג דעם אחריות פון צולייגן אַ וואָרט, אָדער מגזם זיין אַביסל, אָדער אַביסל שוואַרצער מאַכן דאָס בילד, ווי עס איז אין די ווירקליכקייט, אָדער זאָגן זאַכן פון זכרון אָנע קאַנצענטרירן אויב מ׳געדענקט און זאָגט פּינקטלעך. און ווי באַקאַנט פאַר יעדן איז די נאַטור פון רוב מענטשן איבערצודערצוילן זאַכן זייער נישט פינקטלעך כל שכן ווען ס׳איז נוגע פאַר זיך און מ׳וויל דעם רחמנות גרעסער מאַכן.

**גאָר** אַנדערש איז די געשיכטע ווען דער צווייטער צד איז דאָרט דעמאָלט מעסט מען יעדעס וואָרט. און די אַלע זאַכן וועלכע האָבן אַ פאַרענטפערונג ווערן נישט דערצוילט און מ׳גיט גלייכצייטיג

די געלעגנהייט פאַר׳ן צווייטן צד אָפּצושלאָגן נישט ריכטיגע טענות און דערמאַנען אַנדערע זאַכן וועלכע זענען אַן אויפקלערונג צו די נישט גוטע באַהאַנדלונג. און דעמאָלט שטעלט זיך אַרויס דאָס בילד קלאָר און קריסטאַל. עס ווערט אויסגעשיילט דער אמת פון שקר. פאַקטן פון דמיון, ווירקליכע געשעענישן פון אַריינגעטייטשטע.

**ס׳איז** אינטרעסאַנט צו באַמערקן, וואָס די פוסקים געבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס די חז״ל באַנעמען זיך אַזוי שאַרף צו עדות׳שאַפטן פון קרובים אַז אפילו משה רבינו און אהרן הכהן וועלכע וואָלטן נישט ליגנט געזאָגט פאַר די וועלט, פונדעסטוועגן איז זייער עדות׳שאַפט פאַר זייערע נאָנטע (קרובים) פסול.

**די סיבה** איז פאַרשטענדליך, ווייל ביי יעדע געשעעניש וואָס אַ מענטש אַזערווירט איז דאָ די אָפּענע קלאָרע פאַקטן און די באַהאַלטענע וועלכע דער שכל און פאַרשטאַנד דאַרף אָפּטייטשן. דער גרעסטער חכם און צדיק ווערט פאַרבלענדט פון אַ נגיעה ווי דער פסוק שרייבט כי השוחד יעוור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים מיינענדיג דערמיט אַז גאַנץ טיף הינטערן באַוואוסטזיין איז די נגיעה גורם צו פאַרקירעווען דעם שכל אַהער אָדער אַהין. אָן דעם וואָס דער מענטש אַליינס זאָל זיך אפילו כאַפּן.

**ס׳איז** דאָ אַ באַוואוסטע מעשה פון סמ״ע וועלכער האָט געהאַט אַ דין תורה מיט אַ צווייטן בעל דין. זייענדיג דער גדול הדור וואָס האָט פאַרפאַסט דעם ספר סמ״ע אויף חושן משפט (וואָס פון דאָרטן פסק׳ענט מען עד היום הזה), האָט ער אויף אַ גענישטן אופן אויפגעבויט אַ טיפן חידוש וואָס דורכדעם איז ער דער גערעכטער, און נישט זיין בעל דין.

**דער ראש** בית דין האָט זיך אויפגעהויבן פון פלאַץ אַרויסגענומען דעם חושן משפט פון שאַפע און געוויזן וויאַזוי ער אַליין (דער מחבר פון סמ״ע) שרייבט אין זיין ספר פונקט פאַרקערט, וואָס

האָט איבערצויגט ווי ווייט אַ נגיעה האָט אַ השפעה אויפ׳ן גרעסטן מענטש אפילו ווען ער זוכט דעם אמת.

**און יעצט** לאָמיר זיך מאַכן אַ שטיקל חשבון הנפש ווען אַ איד (אידענע) רעדט זיך אָפּ אויף עלטערן אָדער שוויגער עלטערן אָדער אייגענע שלום בית און מ׳גיט יענעם אַן עצה וועלכע קאָסט נאָכדעם צער, האַרץ-עסעניש, עגמת נפש און חלילה אַמאָל דאָס געזונט פאַר׳ן צווייטן צד, לאָזט זיך גאָרנישט זאָגן וואָס פאַר אַ אומרעכט דאָ געשענט.

**עצה-געבער** וועלכע האָבן גע׳עצה׳ט אָדער גע׳פסק׳נעט פאַר קינדער צו מעגן אָפּהאַקן מיט די עלטערן אפילו נאָר האַלבוועגס צו באַגרייפן זיי וואָס פאַר אַ שווערע דין תורה זיי האָבן גע׳פסק׳נעט אָן הערן דעם צווייטן זייט און אויף איין פיס. צו דאָט מען אַ שטיקל השגה וואָס פאַר אַ האַרץ-עסעניש דאָס איז ווען עלטערן קענען זיך נישט פאַרבינדן מיט די קינדער דאָס טייערסטע אוצר וואָס מ׳פאַרמאָגט.

**עס ווייטאָגט** דאָס האַרץ דאָפּעלט צוצוזען ווען מענטשן (פרויען) וועלכע געבן אַכטונג נישט צו טשעפּן אַ פּי׳יג אויף דער וואַנט, כאַפּן זיך נישט אַז מיט זייער 20 מינוטיגע טעלעפאָן געשפּרעך האָבן זיי אָפּגע׳פסק׳ענט דעם גורל פון מענטשן צו ליידן 24 שעה אין טאָג אויסוויינען דעם תהלים׳ל און דורכווייקן דעם קישן, נישט קענענדיג זיך באַרואיגן מיט זייער שיקזאַל ווען איבערנאַכט האָבן זיי פאַרלוירן אַ קינד, אָדער דעם אייגענעם מאַן אָדער פרוי...

(השי״ת יושיענו ויצולנו מכל דבר רע אמן)

**צו באַגרייפט** מען וואָס דאָס באַדייט ווען מ׳גיט אַן עצה פאַר אַ יונגערמאַן אָדער ווייבל זיך צו גט׳ן אָן אויסהערןביידע צדדים נישט טראַכטענדיג וויאַזוי מ׳פאַר׳אומגליקליכט אַ אידיש הויז מיט קליינע נשמה׳לעך, אָדער גאָר אַן עצה געבן, נישט צו געבן,

אָדער נעמען אַ גט, דאָרט וואו ס׳איז שוין איבערצויגט אַז זיי קענען נישט לעבן צוזאַם.

**צו איז** באַרעכטיגט ווען אַ בעל הבית רעדט זיך אָפּ אויף אַן אַרבעטער נאָך צו צוגיסן אויל אויפ׳ן פייער און זאָגן אים: ווער פטור ווי שנעלער, ד.מ. געבן אַ האַנט אַ איד זאָל בלייבן שטעקן אָן פרנסה.

**אויב מ׳האָט** מיטלייד מיט׳ן אומשולדיגן זאָל מען אים ערשטנס מחזק זיין און געבן צו פאַרשטיין אַז קיינעם גייט נישט אַלעס ווי מ׳וויל, יעדער האָט זיך זיין פעקל און בעסער צו ליידן פון די עלטערן וואָס מ׳קויפט זיך אגב איין די מצוה פון כיבוד אב ואם מיט די געוואַלדיגע שכר דערצו (לפום צערא אגרא) ווי איידער ליידן ח״ו פון געזונטהייט. א.ד.ג.

**ווען** מ׳וויל יאָ עצות געבן, זאָל עס נאָר זיין וואָס שעדיגט נישט דעם צווייטן. געבן הדרכה ווי אַזוי זיך צו פירן, יענעם ווייכער צו מאַכן, און אויב מ׳מוז אָנקומען צו שטרענגערע מיטלען מוז עס זיין אויסשליסלעך דורך הערן וואָס ביידע האָבן צו זאָגן איינער אין געגנוואַרט פון צווייטן (אָדער ע״פ הוראת מורה הוראה מובהק נאָכן הערן כאָטש יעדן באַזונדער).

**מיר ווייסן** פון אומצאָליגע פאַקטן וואָס ווען דער עצה געבער אָדער פוסק וואָלט געהערט די עלטערן נאָכדעם ווי ער הערט די קינדער, וואָלט ער געזען אַן אַנדער בילד און מיט אַ קלייניגקייט געקענט אַלעס מסדר זיין אַז עלטערן און קינדער, מאַן און פרוי, זאָלן קענען גליקלעך לעבן צוזאַם.

**אפילו** ווען מ׳זעט איין נאָך גיט באַקענען זיך מיט ביידע צדדים אַז מ׳דאַרף אָפּטיילן קינדער פון עלטערן, מוז מען דאָס באַטראַכטן ווי אַן ערנסטע אָפּעראַציע (אַ קינד איז ווי אַן אבר פון די עלטערן) און איבערשמועסן מיט עלטערע רבנים, מחנכים און קלוגע

אידן יראי השם וועלכע האָבן אַליינס קינדער אינדערהיים און איידעמער מיט שנירן וואָס נאָר זיי קענען פאַרשטיין וואָס מיינט אָפּטיילן קינדער פון עלטערן. מ׳דאַרף קודם וואָרענען און געבן אַ פּראָבע אפשר וועט מען זיך בעסערן (אין עונשין אלא אם כן מזהירין), מ׳טוט עס קודם אויף אַ קורצע תקופה, מ׳זאָל פאַרשטיין די ערנסטקייט, א.אַ.וו. דער עיקר עס קען נישט געטאָן ווערן גלייכגילטיג נאָר מיט ערנסטע קלוגע ת״ח ויראי ד׳, וואָס קענען די הלכות וואָס זענען פאַרבונדן מיט זיי לייגן זיך אַריין דערין און פּרובירן קודם אַנדערע מיטלען.

❖ ❖ ❖

# פרק ח׳

**אין דעם פרק ווערט ערקלערט: די וויכטיגקייט פון אַכטונג געבן נישט צו טראַכטן קיין מחשבות-זרות ביים דאַווענען, ווי דער כהן אין בית-המקדש און די מלאכים אין הימל!**

**א. איתא,** עס שטייט אין ירושלמי אין דעם ערשטן פרק (הלכה א): דער וואָס שטייט שמונה-עשרה מוז שטיין גלייך מיט ביידע פיס. קריגן זיך אין דעם צוויי אמוראים, איינער זאָגט אַז דער טעם דערפון איז מען זאָל זיין ווי די מלאכים וואָס ביי זיי שטייט: "ורגליהם רגל ישרה" - און זייערע פיס זענען גלייך און ווערן געזען ווי איין פוס. און דער אַנדערע זאָגט מען זאָל זיין ווי די כהנים.

## דער מענטש דאַרף זיין ביים דאַווענען ווי אַ מלאך אָן וועלטלעכקייט

**ב. ונראה,** עס זעט אויס, אַז ביידע זענען הייליגע רייד, און ביידע טעמים זענען אמת, וואָרום די תפלה איז אַנשטאָט אַ קרבן, דעריבער דאַרף ער זיך מאַכן גלייך ווי ער איז אַ כהן, אַזוי ווי די עבודה וואָס דער כהן טוט ביים קרבן ווערט ער פסול דורך אַ פרעמדע מחשבה, פונקט אַזוי בשעת דער מענטש דאַווענט טאָר ער אויך נישט טראַכטן קיין פרעמדע מחשבה כדי זיין קרבן, די תפלה, זאָל נישט גאַר אומווערדיקט ווערן, און דער מענטש זאָל נישט זאָגן דווקא אַ הרהור עבירה איז אסור צו טראַכטן ביים דאַוונען, נאָר אפילו אַ הרהור פון געשעפטן און אַנדערע זאַכן טאָר מען אויך נישט טראַכטן, ווייל דער מענטש דאַרף זיין גלייך ווי די מלאכים וואָס צווישן זיי איז נישטאָ קיינע געשעפטן פון עולם הזה.

## פון די תפילות ווערט אַ קרבן צו השם יתברך

**ג. ואיתא,** און עס שטייט אין "ספר החינוך", אַז ווען דער מענטש טראַכט ביי זיך וועגן זילבער, גאָלד און געלט איז ער

עובר אויף אַ לאו (שמות כ, כ) ״לֹא תַעֲשׂוּן אִתִּי אֱלֹהֵי כֶסֶף וֵאלֹהֵי זָהָב״ - דו זאָלסט נישט מאַכן פון מיר קיין געטשקע פון זילבער און קיין געטשקע פון גאָלד. זע אין ״ספר החינוך״ אויספירלעך. און וויסן זאָלסטו וואָס עס שטייט אין זוהר פרשת אלה פקודי (דף רמ״ה ע״א): עס איז פאַראַן אַ מלאך, מיטן נאָמען טהריא״ל, וועלכער שטייט ביי דער טיר וואָס דאָרט גייען אַריבער די תפילות פון די אידן וואָס זאָוונען מיט כוונה פון האַרץ, אָן קיין שום פרעמדע מחשבה. דער ממונה עפנט דעם טויער פון דעם בית התפלה, און די תפילות גייען צו דעם היכל וואָס אַלע תפילות זאַמלען זיך דאָרט איין, און פון די תפילות ווערט אַ קרוין צו השם-יתברך.

## תפילה אָן כוונה איז ווי אַ גוף אָן אַ נשמה

**ד. אבל,** אָבער אויב די תפלה איז אָן כוונה און איר איז אַריינגעמישט פרעמדע מחשבות, שטופט דער מלאך אַוועק די תפלה פון דער טיר, און די תפלה גייט און שוועבט אויף דער וועלט ביז זי קומט צו אַ מלאך וואָס זיין נאָמען איז סהדיא״ל און אין זיינע הענט זענען אַלע תפילות וואָס זענען אַוועקגעשטופט געוואָרן פון דעם טויער פון בית התפילה, ווייל זיי זענען צומישט מיט פרעמדע מחשבות, און די תפילות ווערן גערופן ״פסולי תפילות״, און דער מלאך לייגט אַוועק די תפילות ביז דער מענטש אַליין האָט חרטה אויף דעם וואָס ער האָט געדאַוונט די תפלות אָן כוונה און איז זיך מתוודה און האט חרטה דערויף, ווייל זיי זענען ווי אַ גוף אָן אַ נשמה.

**ה. ואומר,** און זאָגט ״וויי איז מיר וואָס איך האָב אַזוי געטאָזן, און האָב פוגם געווען אין דעם כבוד פון אונזער האַר, השם יתברך, דער גרויסער, דער שטאַרקער און דער מורא׳דיגער, צו ריידן פאַר אים אָן כוונה, און נעמט זיך אונטער נישט טאָן אַזוי מער, זון פון היינט אָן דאַוונט ער מיט גרויס כוונה.

## איין געהעריגע תפילה ציט מיט אָן אַ שיעור נישט ריכטיגע תפילות

**דאַן** קומען צוריק די ערשטע תפילות, וועלכער זענען אין די הענט פון סהדיא״ל און גייען אַרויף צו זאַמען מיט די ערשטע תפילה וואָס ער האָט געדאַוונט מיט כוונה, און דער ממונה אַליין נעמט די אויבנדערמאָנטע ״תפילות הפסולות״ און שטופט זיי אַרויף העכער און העכער ביז די תפלה דערגרייכט צו השם יתברך אַליין און עס ווערט אַ קרוין צוזאַמען מיט אַלע אידישע כשר׳ע תפילות.

## אַפילו ס׳גלוסט צו לערנען - איז דאָ אַ צייט פאַר דאַווענען

**ו. הרי,** איז דאך עס אַ גרויסער חסד פון השם יתברך, אַז מיט איין תפלה ווערט אַלץ פאַרראָכטן, און ווער איז דער וואָס זאָל נישט נעמען צום האַרצן די דאָזיגע רייד צו באַלוינען אַ חסד צו זיין נפש. שוין אָפגערעדט, ער זאָל נישט גרינגהאַלטן לכתחילה דאָס עצם דאַוונען חס-וחלילה. כאָטש אים גלוסט זיך צו לערנען תורה שטענדיג, פונדעסטוועגן איז דאָ אַ צייט פאַר דאַווענען, און ער זאָל נישט טראַכטן ביי זיך אַז זיין לערנען איז בעסער ביי השם יתברך אין די אויגן ווי זיין דאַוונען, חלילה צו זאָגן אַזוי.

## עס אין צייט, שלאָף אין צייט און דאַווען אין צייט

**ז. ובא,** לאָמיר זען וואָס דער ספר ״הולך תמים״ שרייבט: רבי ישעי׳ החסיד האָט מיר דערציילט אין נאָמען פון רבי יהודה חסיד ז״ל, דער רמב״ן ז״ל האָט געהאַט אַ תלמיד וואָס האָט זייער געגלוסט לערנען תורה און גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן, געגעסן האָט ער נאָר צו דערהאַלטן די נשמה און אויך דאַן האָט ער אַריינגעקוקט אין אַ ספר וואָס איז געלעגן אָפן פאַר אים, און פלעגט נישט דאַווענען פון גרויס ליבשאַפט צו תורה, און דער רמב״ן ז״ל פלעגט אים שטענדיק אָנזאָגן: עס אין צייט פון עסן, שלאָף אין צייט פון שלאָפן און דאַווען אין צייט פון דאַוועגען, און דער זכות פון דער תורה וועט זיין מיט דיר און ווינט

דיך היטן, און זיי געוואָרנט אין דאַוונען. דער תלמיד האָט אָבער נישט גענומען די ווערטער צום האַרצן.

## אָן דאַווענען קען מען נישט עקזיסטירן

**ח. ולא,** עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דער תלמיד איז אַוועק אין מאַרק עפּעס קויפן, צוריקקומענדיק אַהיים האָט ער געפונען אַ רייטער האָט זיין טאָכטער געשעדיגט, אויף דעם טיש וואו ער פלעגט שטענדיג לערנען און ער האָט געטרויערט דערויף אַ לאַנגע צייט. האָט דער רמב״ן צו אים געזאָגט, איך האָב דיר דאָך געזאָגט דו זאָלסט זיין געוואָרנט אין דאַוונען וואָס אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן מתקן געווען (ברכות ס׳ ע״ב) יעדער מענטש זאָל בעטן יעדן טאָג ״יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁתַּצִּילֵנִי הַיּוֹם מֵאָדָם רָע וּמִפֶּגַע רָע וגו׳״ - עס זאָל זיין דער ווילן פון דיר, השם יתברך, דו זאָלסט מיך היינט ראַטעווען פון אַ שלעכטן מענטשן און פון אַ שלעכטן חבר וכו׳. און דו האָסט זיך נישט צוגעהערט צו מיר, דעריבער איז עס געקומען צו דיין טאָכטער. האָט דער תלמיד שוין אָנגעהויבן צו דאַוונען ווי עס דאַרף צו זיין.

## תפילה מיט טרערן ווערט שנעל אָנגענומען

**ט. על כן,** דעריבער זאָל יעדער מענטש זעהען שטענדיק מורא צו האָבן און נעמען זיך צום האַרצן די תפילות וואָס מ׳האָט געדאַוונט אָן כוונה און ער מוז בעטן השם יתברך אַז מ׳זאָל אָוועקנעמען פון אים אָט די שטרויכלונג פון פרעמדע מחשבות אַז זיי זאָלן זיך נישט אַריינמישן און אַוועקנעמען די כוונה אין דאַוונען און ער זאָל דאַוונען מיט טרערן, ווייל די תפלה וואָס איז מיט טרערן איז זייער חשוב און ווערט גיך אָנגענומען, ווי עס איז באַוואוסט דער מאמר פון רבותינו זכרונם לברכה (זהר חלק ב דף רמ״ה: וזהר-חדש רות דף צ״ח), און צוליב די גרויס חשיבות פון די תפלות מיט טרערן, עפנט נישט די טיר קיין מלאך און קיין אָנגעשטעלטער, נאָר השם יתברך

אַליין, און דערפאַר ווערן זיי נישט פאַרמאַכט, נאָר זיי בלייבן שטענדיק אָפן, און זיי ווערן אָנגערופן "שערי דמעות", און אין דער צייט ווען די תפלה גייט אַרויף אויבן, דאַן קומט זיי אַנטקעגן אַ מלאך מיטן נאָמען "ירחמיאל", וועלכער איז אָנגעשטעלט אויף זעקס הונדערט "חיות" (הייליגע מלאכים) פון אויבן און ער נעמט אָט די תפלה מיט די טרערן און שיקט איר אַרויף העכער און זי גייט אַרויף אויבן צו זייער אַ הויכן אָרט.

## ווען אַ מענטש איז באמת באַהאָפטן צו השם יתברך, קען אים גאָר קיין שלעכטס נישט געשען

**י. ובא,** קום און זעה ווי די ערשטע חסידים פלעגן אין זינען האָבן ביים דאַוונען אַזוי ווי עס שטייט אין ירושלמי (ברכות פרק ה׳ הלכה א׳): די חכמים האָבן געזאָגט אויף רבי חנינא בן דוסא אַז ער איז געשטאַנען און האָט געדאַוונט איז געקומען אַ שלאַנג און האָט אים אַ ביס געטאָן, און ער האָט נישט אָפּגעשטעלט דאָס דאַוונען, איז מ׳נן געגאַנגען און מען האָט געפונען דעם שלאַנג ליגן טויט ביי זיין לאָך. האָבן די תלמידים ביי אים געפרעגט: רבי, האָסטו נישט געפילט קיין ווייטאָג ווען דער שלאַנג האָט דיך געביסן? האָט ער זיי געענטפערט: זאָל אויף מיר קומען שלעכטס אויב איך האָב געפילט דעם ווייטאָג, ווייל איך האָב מכוון געווען מיין האַרץ ביים דאַוונען.

## השם יתברך טוט דעם רצון פון די וואָס פאָרכטן זיך פאַר אים

**יא. הענין,** דער ענין ווערט דערקלערט אין גמרא און אין פירוש רש״י, אַז אַ שלאַנג גיט אַ ביס אַ מענטשן, אויב דער שלאַנג קומט פריער צום וואַסער מוז דער מענטש שטאַרבן, און אויב דער מענטש קומט פריער צום וואַסער מוז דער שלאַנג פייגערן, און רבי יוסי האָט געזאָגט אַז השם יתברך האָט באַשאַפן אַ קוואַל אונטער די פיס פון רבי חנינא, צו מקיים זיין וואָס עס שטייט (תהלים קמה,

יט): "רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה, וְאֶת שַׁוְעָתָם יִשְׁמַע וְיוֹשִׁיעֵם" - השם יתברך טוט דעם ווילן פון די וועלכע האָבן מורא פאַר אים, און זייער געבעט הערט ער און העלפט זיי. און מיר קענען נישט מכוין זיין ווי די ערשטע זכרונם לברכה, צוליב צוויי זאַכן, א' אונזערע זינד איז איבערן קאָפּ, ב' ווייל עס פעלט אונז וויסן. יעדנפאַלס חלילה צו פאַרלאָזן כוונת התפלה.

## אַ מענטש פילט נישט די נסים וואָס ווערן געטאָן מיט אים שטענדיק

**יב. ובא,** קום און זע וואָס דער "ספר חסידים" שרייבט, אַז ווען ער שטעלט זיך דאַווענען און זעט אַ ספר פאַלט אויף דער ערד, זאָל ער נישט אָפּהאַקן דאָס דאַווענען אויפצוהויבן דעם ספר, ווייל ער שטייט פאַר דעם פאָרכטיגן און מורא'דיגן, באַשעפער יתברך, און אַלע תפילות און לויבונגען דאַרפן געזאָגט ווערן מיטן גאַנצן האַרץ, ספּעצועל ווען מיר באַטראַכטן זיך ווי השם יתברך גיט אַכטונג אויף אונז, וואָס אַ מענטש פילט גאָר נישט די נסים ונפלאות וואָס ווערן געטאָן מיט אים, וואָס אָנפאַנג זעט עס אויס ווי עס קומט אויף אים שלעכטס אָבער השם יתברך מיינט עס פאַר גוט.

## פון דעם קלאַפּ גופא ווערט באַשאַפן די רפואה

**יג. וכדאיתא,** און ווי עס שטייט אין מדרש, צוויי סוחרים האָבן געזאָלט פאָרן צוזאַמען אין איין שיף מיט סחורה. דער צווייטער סוחר, גייענדיק צו דער שיף האָט זיך געשטרויכלט אין אַ שטיין און איז געפאַלן און האָט געהינקעט צייטווייליק אויף אַ פוס און איז געצוואונגען געוואָרן צו בלייבן אין דער היים מיט זיין סחורה. און דער געשעדיקטער סוחר האָט געוויינט און געזאָרגט אויף דעם וואָס ער האָט נישט געקאָנט פאָרן אויף דער שיף מיט זיין סחורה עס צו פאַרקויפן. אין אַ קורצע צייט שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט אַז די שיף מיט אַלע מענטשן וועלכע זענען געווען אויף איר זענען

דערטרונקען געוואָרן, האָט דער סוחר אָנגעהויבן דאַנקען און לויבן השם יתברך און האָט געזאָגט (ישעי׳ יב, א): ״אוֹדְךָ ה׳ כִּי אָנַפְתָּ בִּי״ - איך לויב דיר, השם יתברך, וואָס דו האָסט געצאָרנט אויף מיר.

## ״גם זו לטובה״ - כאָטש איך זע דאָס נישט איצט

**יד. וזה,** און דאָס איז דער וועג פאַר יעדער ירא-שמים, ער זאָל זאָגן אויף יעדן זאַך די ווערטער ״גַּם זוּ לְטוֹבָה״ - דאָס איז אויך צום גוטן. כאָטש צוּיטווייליק איז עס נישט צום גוטן, פונדעסטוועגן זאָל ער זיך פרייען אין האַרצן און באַשטימען אין זיין מוח, אַז עס איז צום גוטן און צו פאַרגעבן פאַר זיינע זינד און נישט גוטע מעשים פון דער פאַרגאַנגענהייט, און אַן אָנווייזונג אויף דער צוקונפט. און צוליב דעם האָבן די חכמים זכרונם לברכה מתקן געווען מען זאָל זאָגן יעדן טאָג ״מזמור לתודה״, ווייל יעדן טאָג דאַרפן מיר אָפּגעבן אַ לויב און אַ דאַנק השם יתברך פאַר די נסים ונפלאות וואָס מיר האָבן, און דערפאַר ווען ער זאָגט דעם ״מזמור לתודה״ איז פונקט ווי ער וואָלט געברענגט אַ קרבן תודה ווייל אַ מענטש פילט נישט די ניסים וואָס ווערן געטאָן מיט אים יעדן טאָג.

## איך גיי נישט אויף מיין געלעגער ביז איך בין נישט מוחל יעדן וואָס האָט מיך ווי געטאָן

**טו. ובא,** און קום און זע וואָס עס שטייט אין זוהר פרשת מקץ (דף ר״א ע״ב): רבי אבא איז געזעסן ביים טויער פון דער שטאָט לוד. האָט ער געזען ווי אַ מענטש קומט, און זיך באַזעצט אין אַ לאָך פון אַ באַרג. זייענדיק מיד פון וועג איז ער איינגעשלאָפן. דערווייל האָט ער געזען ווי אַ שלאַנג קומט צו אים, איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטיק האָלץ (וואָרצל פון בוים) און גע׳הרג׳עט דעם שלאַנג. ווען דער מענטש האט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער דערזען דעם טויטן שלאַנג. דער מענטש האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט דאָס שטיק ערד וואָס ער איז געזעסן אויף אים אַראָפּגעפאַלן אין טאָל אַריין און דער מענטש איז

געראַטעוועט געוואָרן [צום צווייטן מאָל]. איז ר׳ אבא צוגעגאַנגען צו אים און אים געפרעגט: זאָג מיר וואָס זענען דיינע מעשים? ווייל השם יתברך האָט דיר צוגעשיקט צוויי ניסים, און זיי זענען נישט געווען אומזיסט! האָט אים דער מענטש געזאָגט: אין מיין לעבן האָט מיר קיין מענטש נישט געטאָן קיין שלעכטס אויף וועלכן מיר האָבן זיך נישט איבערגעבעטן און איך האָב אים מוחל געווען. און דערצו, אויב עס איז אוממעגליך זיך איבערצובעטן מיט אים, גיי איך נישט אַרויף אויף מיין געלעגער ביז ווען איך בין אים, און אַלע וועלכע טשעפּען מיר, מוחל.

## דער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף השם יתברך, איז אַרומגערינגלט מיט חסד

**טז. מזה,** פון דער מעשה ווערט אָפּגעלערנט אַז דער מענטש דאַרף וויסן אַז השם יתברך גיט אַכטונג אויף דעם מענטשן וועלכער גייט אין גלייכן וועג און פאַרלאָזט זיך אויף אים און טוט חסד מיט מענטשן, זאָל ער זיכער זיין אַז השם יתברך וועט אים דערפאַר אָפּצאָלן ווי ער האָט עס פאַרדינט. און זיי וויסן ווי גרויס די מדה פון בטחון איז, אַז יעדער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף השם יתברך ברוך הוא, דאַן רינגלען אים אַרום מלאכים פון חסד און באַשיצן אים פון אַלע שלעכטע זאַכן. ווי עס שטייט (תהלים לב, י): ״וְהַבּוֹטֵחַ בַּה׳ חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ״ - דער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף השם יתברך, וועט ער זיין אַרומגערינגלט מיט חסד. און די מדה פון בטחון איז ווערט אַ גרויסע באַלוינונג.

## נאַריש איז דער מענטש, וואָס מיינט אַז געלט איז אַלעס

**יז. כי,** ווייל דער וועלכער פאַרלאָזט זיך אויף השם יתברך, איז זיין האַנדלען זיכער ערליך, און לויפט נישט נאָך געלט וואָס איז נישט ערליך. אַזוי ווי די נאַטור פון דעם וואָס פאַרלאָזט זיך נישט אויף השם יתברך, איז ווען עס גייט אים נישט אַזוי גוט טראַכט ער אַז עס

וועט אים שוין מער קיין גוטס נישט באַגליקן, און ווען עס גייט אים גוט און ער האָט אָנגעקליבן פיל געלט מיינט ער אַז עס וועט אים קיין שלעכטס נישט טרעפן פון הימל ווייל די געלט וועט אים ראַטעווען פון אַלץ, און אַזוי אַרום איז ביי אים דאָס געלט זייער באַליבט. אפילו ווען ער גלייכט צו באַרויבן, אָפּנאַרן און אַריינקריכן אין יענעמס גבול ווערט עס ביי אים ווי אַ היתר.

## די וואָס פאַרלאָזן זיך נאָר אויפן אויבערשטן - העלפט ער זיי אין גאַנצן אומנאַטירלעך

**יח. ולא,** און נישט אַזוי טראַכטן די וועלכע פאַרלאָזן זיך אויף השם יתברך. זיי זענען זיכער אַז עס וועט פלוצלונג קומען די גוטע שעה און זיי וועלן געהאָלפן ווערן אויף אַ גוט און כשר'ן וועג. און ווער קען דערצוילן די גרויסע שלעכטקייטן וואָס קומען אַרויס פון די וואָס פאַרלאָזן זיך נישט אויף השם יתברך, און זענען אַריינגעטאָן אין אָפּנאַרן יענעם מיט געלט, שווערן אויף פאַלש, זאָגן פאַלש פאַר די ריכטער און זאָגן פאַלשע עדות, אַ זאַך אויף וואָס השם יתברך באַשטראָפט זיי און זייער פאַמיליע, (שבועות ל״ט ע״א): ״וְגֵיהִנֹּם כָּלֶה וְהֵם אֵינָם כָּלִין״ - און דער גיהנם וועט פאַרלענדן ווערן און זיי נישט. דער וואָס פאַרלאָזט זיך אָבער אויף השם יתברך, ווערט ער ארומגערינגלט פון חסד, און עס וועט נישט טרעפן דעם צדיק קיין שום אומרעכט. ווען ער וועט שטאַרבן און וועט זיך שטעלן נישט פאַרשעמט, אין פאַלאַץ פונעם מלך-מלכי-המלכים אין דעם זכות וואָס ער האָט זיך פאַרלאָזט און געגלויבט אין השם יתברך.

## הוספה לפרק ז׳

## ווי דער גאון רבי עקיבא אייגער זצ״ל איז געווען נזה״ אין כבוד הבריות

**ביי** איינע פון די נסיעות פונעם גאון רבי עקיבא אייגער זצ״ל איז ער אָנגעקומען צו אַ שטאָט וואו עס האָט געוואוינט איינער פון זיינע קרובים. דער גאון ז״ל האָט אים געוואָלט גיין באַזוכן, אָבער די מקורבים האָבן אים אָפּגעהאַלטן, זאָגנדיק אַז עס איז נישט לפי כבודו אַז אַזאַ גרויסער גאון זאָל גיין צו דעם פשוט׳ן מענטש. דער גאון האָט געענטפערט, מיר געפינען צוויי מאָל אין דער תורה דעם אויסד־וק פון העלמה, פאַרהוילן זיך. איין מאָל ״לֹא תוּכַל לְהִתְעַלֵּם״, ביי השבת אבידה, און דאָס צווייטע מאָל ״מִבְּשָׂרְךָ אַל תִּתְעַלָּם״, ביי אַ קרוב. דער חילוק צווישן די צוויי איז, אַז ביי השבת אבידה זאָגן די חז״ל אַז אַ ״זקן ואינו לפי כבודו״ איז באַפרייט דערפון, אָבער ביי די מצוה פון ״ומבשרך אל תתעלם״ געפינט מען נישט אַזאַ פטור, און דער גאון רבי עקיבא אייגער איז טאַקע געגאַנגען באַזוכן זיין קרוב.

## דער איד וואָס באַגריסט אַנדערע אידן, ווערט געבענטשט פון דעם אויבערשטן

**אין** ספר ״עבד המלך״ פון הרה״ג ר׳ שמואל הומינער זצ״ל (בראשית, פרק י״ח) ברענגט ער וועגן די גרויסע מצוה פון באַגריסן איינער דעם אַנדערן, און ער שרייבט, אַז יעדעס מאָל ווען מען באַגריסט יענעם מיט אַ ״גוט מאָרגן״ אָדער ״זיי געזונט״ איז מען מקיים דערמיט דעם פסוק (בראשית יב, ג) ״וַאֲבָרְכָה מְבָרְכֶיךָ״ (אין צוגאָב צו די מצוה פון ״וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ״ און אַנדערע צוויים ליב צו האָבן יעדן איד), און

ער גיט צו מיט דעם פאָלגענדן לשון: ״די ברכה זאָל אַרויסגיין פון דיי׳ן מויל מיט די גאַנצע כוונה און מיט׳ן גאַנצן האַרץ, ווי דער תנחומא זאָגט אין פרשת נשא אַז מען דאַרף באַגריסן דעם חבר מיט אַ פול׳ן מויל. מיט דעם וועסטו שטייגן העכער און העכער אין מקיים זיין די מצוה פון ״ואהבת לרעך כמוך״.

**נאָך** שרייבט ער דאָרט אין ספר ״עבד המלך״, אַז דאָס איז אַ גרויסע סגולה זוכה צו זיין געבענטשט צו ווערן פון דעם אויבערשטן, וויבאַלד ער בענטשט אידן, ווי דער פסוק זאָגט ״וַאֲבָרְכָה מְבָרְכֶיךָ״, איך וועל בענטשן דיינע בענטשערס, און דאָס גייט אַרויף נישט נאָר אויף אברהם אבינו ע״ה, נאָר איז א ברכה פאַר אברהם׳ס קינדער, די אידן אין אַלע דורות, ווי די גמרא זאָגט אין מסכת חולין דף מ״ט, און נאָך מער פון דעם זאָגט תוספות דאָרט, אַז אַפילו אַ גוי להבדיל וואָס בענטשט אידן, בענטשט אים דער אויבערשטער, עיין שם.

## הוספה לפרק ח אות יד

## אַלץ וואָס קומט אויפן מענטשן, זאָל ער גלייבן און באַשטימען ביי זיך אז ס׳איז לטובה, כדי אים אָפּצורייניגן פון זיינע זינד

**צום** רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל פרעמישלאַנער זצ״ל, פלעגט קומען אַן איידעלער חסיד, אַ למדן און אַ ירא שמים, און דערצו האָט ער געהאַט אַ מעלה וואָס ווייניג חסידים האָבן געהאַט - ער איז געווען אַ רבי״ש אייניקל, אַ בנן של קדושים. ממילא איז נישט קיין וואונדער אַז רבי מאיר׳ל האָט אים זייער מקרב געווען און אים אַרויסגעוויזן גרויס חביבות.

**ווען** דער חסיד פלעגט קומען צום רבין, האָבן עטלעכע פון זיינע פאַרהערער אים מקבל-פנים געווען און צוזאַמען אַריינגי׳ין צום רבי׳ן. דער רבי פלעגט אים שטאַרק מקרב און מכבד זיין. ביי די טישן פלעגט ער אים זעצן נעבן זיך און נישט איינמאָל האָט ער אים מכבד געווען מיטן בענטשן. די גבאים, וועלכע האָבן געוואוסט אַז דער בנש״ק איז זוכה צו אַ ספּעציעלע נאָנטקייט ביים רבי׳ן, האָבן זיי אים אויך מכבד געווען, און זיך באַצויגן צו אים ווי עס פּאַסט זיך.

## וואָס דאַרף ער אַריינקומען אין מיין צימער?! ניין, איך וויל אים נישט איצט אויפנעמען!

**דעריבער** זענען די משמשים איבערראַשט געוואָרן, ווען זיי זענען דאָסמאָל געקומען זאָגן פאַר׳ן רבי׳ן אַז דער בנש׳ק איז דאָ, און געווען זיכער אַז דער רבי וועט זיך פרייען דאָס צו הערן, און אים הייסן אַריינקומען, איז דעם רבי׳נס רעאַקציע געווען גאָר אַנו׳ערש. זיין הייליגע צורה איז געוואָרן ערנסט, און ער האָט זיך אָנגערופן: - צו וואָס דאַרף ער אַריינקומען אין מיין צומער?! ניין, איך וויל אים נישט איצט אויפנעמען!

**די** משמשים זענען אַרויס פון רבי׳נס צומער געפּלעפּט. מיט אַראָפּגעלאָזטע פּנימ׳ער האָבן זיי איבערגעגעבן פאַר׳ן בנש׳׳ק אַז דער רבי קען אים איצט נישט אויפנעמען, פּרובירנדיג אַביסל ממתיק זיין דעם רבי׳נס ווערטער, אַז ער זאָל נישט ווערן געטראָפן. אָבער טראָץ זייער פּאָרזיכטיגקייט, האָט דער גאַסט נישט געוואָלט אָננעמען אַזאַ ענטפער. ער איז נישט געווען געוואוינט אַז דער רבי זאָל אים צוריקווייזן, שטענדיק פלעגט זיך דער רבי דערפרייען מיט אים.

## דער רבי פלעגט אים אַזוי וואַרעם אויפנעמען, און איצט וויל ער אים נישט אויפנעמען... וואָס קען דאָס זיין?!

**ער** איז געבליבן שטיין אויף זיין אָרט אינגאַנצן צוטומלט. אַזוי שטייענדיג האָט ער באַמערקט ווי חסידים גייען אַריין צום ־בי׳ן

אין צומער, און קומען אַרויס צופרידענע. דאַן האָט ער פאַרשטאַנען אַז דער רבי נעמט יאָ אויף די חסידים און נאָר אים טאַקע וויל ער נישט אויפנעמען. דוקא אים... וואָס ער איז אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צו אים... אים וואָס ער איז אַן אייניקל פון אַ גרויסן צדיק וואָס די וועלט האָט געצוטערט הערנדיג זיין נאָמען, און דער רבי פלעגט אים אַזוי וואַרעם אויפנעמען, און איצט וויל ער אים נישט אויפנעמען... וואָס קען דאָס זיין?

## זיין האַרץ איז פאַרקלעמט געוואָרן, און איז געבליבן שטיין פאַרצווייפלט און פאַרשעמט

**זיינע** פיס האָבן אָנגעהויבן צו צוטערן. די מידקייט פון די לאַנגע וועג האָט זיך איצט ערוועקט, און ער האָט קוים געקענט שטיין. בדרך כלל, ווען ער פלעגט אַריינקומען צום רבי׳ן נאָך אַזאַ לאַנגע נסיעה, און זוכה געווען צו אַ וואַרעמע קבלת פנים, פלעגט מיטאַמאָל פאַרשווינדן זיין מידקייט. אָבער דאָסמאָל איז נישט געווען וואָס ס׳זאָל אים דערמונטערן. אַלע ביינער האָבן אים איצט וויי געטאָן. זיין האַרץ איז פאַרקלעמט געוואָרן, און איז געבליבן שטיין פאַרצווייפלט און פאַרשעמט. ווען דער משמש איז דורך נעבן אים, האָט ער מיט אַ שטילע שטימע וואָס מ׳האָט קוים געקענט הערן, געפרעגט ווען ע־קלערט אַז דער רבי וועט אים וועלן זען?

## וואָס וויל ער פון מיר, ווער האָט אים בכלל גערופן אַהער?

**דער** משמש האָט געצויגן מיט׳ן אַקסל, און צוגעזאָגט אַז ער וועט אַלעס טאָן וואָס ער קען, אַז דער רבי זאָל אים אויפנעמען. ער איז אַריין צום רבי׳ן, און געפרעגט שטיל ווען דער בנש״ק וועט קענען אַריינקומען. ווידער איז דעם רבינ׳ס פנים געוואָרן ערנסט, און מיט אַ שטרענגן טאָן האָט ער געענטפערט: - וואָס וויל ער פון מיר, ווער האָט אים בכלל גערופן אַהער? גיי זאָג אים אַז ווען איך וועל ענדיגן אויפנעמען דעם גאַנצן עולם, דאַן וועט ער אויך קענען אַריינקומען...

## די אויגן פון דעם גאַסט זענען געוואָרן פול מיט טרערן

**דער** משמש איז צוריק אַרויסגעקומען בלאַס, און מיט גרויס מיטלייד צום גאַסט, און האָט אים פּרובירט צו ערקלערן איידל, אַז ער ווייסט נישט וואָס דאָ האָט פּאַסירט, אָבער דער רבי האָט עפּעס אַן הקפדה אויף אים... פאַרוואָס? ווייסט ער נישט... אפשר ווייסט איר אַליין? ניין, ער ווייסט נישט... טאַקע אַ וואונדער... עפּעס אַ באַהאַלטענע סיבה... ס'איז נישטאָ וואָס צו טאָן, איר מוזט וואַרטן ביז אַלע חסידים וועלן דורכגיין, דערנאָך וועט איר קענען אַריינגיין... די אויגן פון דעם גאַסט זענען געוואָרן פול מיט טרערן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, גענומען אַ ספר אין זיין האַנט און זיך פאַרטיפט דערין, פּרובירנדיג אַוועקרייסן זיינע געדאַנקען פון דעם אומאַנגענעמע קבלת פנים.

## מיט אַ צוטערדיג האַרץ נעבן דעם רבינס טיר זיך געשטעלט לאַנגע

**לאַנגע** שעות האָט דער בנש"ק געוואַרט אין אַ ווינקל, און ווען ער האָט באַמערקט אַז אַלע חסידים וועלכע האָבן געוואָלט אַריינגיין זענען שוין דורך, האָט זיך ער אויפגעהויבן פון אָרט, און מיט אַ צוטערדיג האַרץ נעבן דעם רבינ'ס טיר זיך געשטעלט. דער משמש האָט פלוצלינג געעפנט די טיר און האָט אים געוואונקען אַריינצוקומען.

## גיי לחיים ולשלום, איך בין זייער פאַרנומען...

**דער** יונגערמאַן גייט אַריין און וואַרט מיט אַ געבראָכן געמיט צו הערן וואָס דער רבי וועט אים זאָגן. אָבער דער רבי האָט אַפילו נישט געקוקט אויף אים צו לאַנג. ווי אומגעדולדיג האָט ער אים געגעבן שלום מיט די שפּיץ פינגער און געגעבן אַ זאָג: איך בין זייער פאַרנומען, גיי לחיים ולשלום...

## רבונו של עולם, וואָס טוט זיך דאָ... וואָס האָב איך געטאָן?!

**ביז אַ** מינוט איז דער יונגערמאַן שוין געווען אינדרויסן. נישט קיין שמועס, נישט קיין שמייכל, נישט קיין נאָנטקייט, אַ קאַלטע קבלת פנים! רבונו של עולם, וואָס טוט זיך דאָ... וואָס האָב איך געטאָן?!

## וואָס ס׳קען זיין די סיבה פאַרן קאַלטן קבלת פנים

**עס** איז געווען אַ דאָנערשטיג. דער יונגערמאַן איז אַוועק צוריק צו זיין אכסניא צעבראָכן ווי אַ שאַרבן. ער האָט טועם געווען און זיך אָפּגערוהט עטלעכע שעה, און אַ גאַנצע צייט געטראַכט וואָס ס׳קען זיין די סיבה פאַרן קאַלטן קבלת פנים. איצט, אַז ער האָט זיך שוין אָפּגערוהט און זיך דערכאַפּט דאָס האַרץ, האָט ער שוין געקענט רואיגער טראַכטן.

## ענינים וואָס ערלויבן אים נישט צו פאַרנעמען זיך מיט אַ יחיד

**קען** זיין, האָט ער פּרובירט צו טרייסטן, אַז דער רבי איז פאַרנומען מיט גאָר אַ גרויסן ענין וואָס האָט צו טאָן מיט׳ן כלל, ענינים וואָס ערלויבן אים נישט צו פאַרנעמען זיך מיט אַ יחיד.

**די** מחשבות האָבן אים באַרואיגט. ווייל אויב דער רבי איז פאַרנומען מיט העכערע זאַכן, ווי קען ער פאָדערן אַז ער זאָל זיך אַריינלאָזן אין אַ שמועס מיט אים.

## האָפנדיג אַז אום שבת קודש וועט אים דער רבי זיכער מקרב זיין

**אַז ער** האָט זיך שוין באַרואיגט, האָט ער זיך גענומען גרייטן צום שבת קודש, האָפנדיג אַז אום שבת קודש וועט אים דער רבי

זיכער מקרב זיין און ער וועט האָבן די געלעגנהייט צו שמועס: מיט אים.

**נאָך** די שבת׳דיגע תפילה, זייענדיג אָנגעטאָן מיט בגדי שבת, האָט דער בנש״ק מיט אַ פרישע אויפגעמונטערטע גז:מיט, אַריינגעשפרייזט אין גרויסן זאַל וואו דער רבי האָט געפירט זיינע הייליגע טישן. יעדער ווער ס׳האָט אים באַגעגנט האָט אים העפליך געגריסט און ער האָט זיי געענטפערט מיט אַ פריילעך פנים.

**ווען** דער משמש האָט דערזען דעם בנש״ק, האָט ער אים ישנעל אַוועקגעזעצט אויבנאָן, נעבן וואו דער רבי וועט זיצן, וואו ער פלעגט שטענדיג זיצן לויט׳ן באַפעל פון רבי׳ן. דער עולם שטייט שוין אַרום די טיש און וואַרט אַז דער רבי זאָל קומען.

## איך ווייס נישט וואָס איז דער יחוס פון די אייניקלען

**און אָט** קומט אַריין דער רבי. דער עולם הייבט זיך אויף מיט יראת הכבוד, אויך דער יונגערמאַן האָט זיך אויפגעשטעלט, און אַלע וואַרטן אַז דער רבי זאָל צוגיין צו זיין אָרט און זיך אַוועקז:נצן. דער רבי האָט זיך דערנענטערט צום טיש, געגעבן אַ בליק אויפ׳ן יונגערמאַן וועלכער זיצט נעבן אים, און האָט זיך אָנגערופן מי:ז אַ גערעגטע שטימע: - איך ווייס נישט וואָס איז דער יחוס פון די אייניקלעך פון די גדולים און צדיקים, וואָס איז זייער חשיבות. מ:לא זייערע עלטערן זענען געווען גרויסע צדיקים, אָבער וואָס טוט זיך ו:יט זייער יחוס עצמי?

## אַלע אָנוועזנדע האָבן געהאַט מיטלייד מיט זיין צער און בושה

**אַ שטילקייט** האָט באַהערשט דעם צומער. דער יונגערמאַן איז געוואָרן בלאַס הערנדיג די ווערטער וועלכע זע:ען

געווען געצולט אויף זיין אדרעס. אלע אנוועזנדע האבן געדאט מיטלייד מיט זיין צער און בושה.

**ער שטרענגט זיך נישט אן צולערנען און השלמה - ער פארלאזט זיך אויף זכות אבות...**

**אבער** דער רבי האט זיך נישט באגנוגנט מיט דעם און ווייטער געזאגט:

- אויפ׳ן פסוק "וארא אל אברהם, אל יצחק ואל יעקב" זאגט רש״י: "וארא אל האבות". פרעגט די וועלט: וואס האט דא רש״י צוגעגעבן, די תורה רעכנט אויס קלאר די נעמען פון די אבות? טא וואס איז רז״י מוסיף מיט זיינע ווערטער "וארא אל האבות"?

**נאר** וואס - האט דער צדיק פארגעזעצט - דער שטייגער איז, אז ווען איינער איז א יחסן, דאס הייסט אז ער איז געבוירן צו עלטערן צדיקים, למדנים, דאן שטרענגט ער זיך נישט אן צו לערנען און אנקומען צו שלימות, ער פארלאזט זיך אויף זיין זכות אבות...

**פילן ממש ווי די וועלט איז זייערס. יעדער איז זיי שולדיג...**

**און אויב** דאס איז נישט גענוג - זאגט ווייטער ר׳ מאיר׳ל - זענען דאך דא אזעלכע "רבי׳שע איניקלעך" וועלכע האלטן זיך גאר גרויס, און פילן ממש ווי די וועלט איז זייערס. יעדער איז זיי שולדיג...

**ממילא איז ער דאך נישט סתם אבי ווער...**

**און דער** רבי לאזט ארויס א קרעכץ, ווען דער יונגערמאן שטייט פאר אים מיט אן אראפגעלאזטן קאפ און זאגט ווייטער: דאס אלעס איז ווען איינער איז א זון פון א חסיד און א למדן, ווער רעדט נאך ווען איינער איז א זון פון א גרויסן צדיק, א צדיק הדור, א קדוש עליון, דאן איז שוין ממש נישטא קיין ווערטער אים פארצושטעלן...

ער האַלט זיך פאַר אַ כליל השלימות... זיין זכות אבות איז דאָך ממש אומשאַצבאַר... ממילא איז ער דאָך נישט סתם אַבי ווער...

## אַלע זענען געווען "אבות" - נישט קיין "רבי'שע איניקלעך"...

**איצט** לאָמיר צוריקגיין צום ענין: די הייליגע אבות, האָבן זיך נישט אַזוי געפירט. זיי האָבן זיך נישט פאַרלאָזט אויף זייער זכות אבות. יצחק האָט זיך נישט גרויס געהאַלטן אַז ער איז דער זון פון אברהם, ער האָט זיך נישט באַגנוגענט מיט דעם, נאָר זיך אַליין געפלאָגט צו דערגרייכן השגת גדלות הבורא. יעקב אבינו האָט זיך אויך נישט פאַרלאָזט אויף זיינע עלטערן אברהם און יצחק, און האָט זיך אַליין געפלאָגט. קומט אויס אַז יעדער איינער פון זיי איז געווען בבחינת "אב", און נישט בבחינת "בן", יעדער איז אָנגעקומען צו זיינע מדריגות דורך יגיעה און נישט דורך זכות אבות. איצט איז פאַרשטענדליך וואָס רש"י זאָגט: "וארא אל האבות", אַלע דריי - אברהם יצחק ויעקב - זענען געווען "אבות", נישט קיין "רבי'שע איניקלעך"...

**דער** רבי האָט געענדיגט די תורה, און האָט גענומען פירן זיין טיש. מער האָט ער נישט גערעדט צו דעם יונגערמאַן. ער האָט אים נישט מקרב געווען ווי זיין שטייגער איז געווען.

## וואָס איז געשען. ער איז דאָך דער זעלבער ווי שטענדיק?

**דער** יונגערמאַן איז געזעסן איינגעבויגן מיט אַן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיין האַרץ האָט געברויזט און געקאָכט. וואָס וויל דער רבי פון אים?! - צומאָרגנס בייטאָג, ביי דער סעודה, איז דער יונגערמאַן ווידער געקומען צום טיש, און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן זעלבן פלאַץ וואו ער איז געזעסן נעכטן, אָבער עס האָט אים געדאַכט אַז ער זיצט אויף הייסע קוילן. ער האָט געהאָפט אַז דער רבי וועט אים דאָסמאָל שוין אָפּלאָזן. ער האָט דאָך שוין געליטן גענוג

בזיונות. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין וואָס דער רבי וויל פון איז. וואָס איז געשען. ער איז דאָך דער זעלבער ווי שטענדיק?

## ער זאָל אים זעצןביים עק טיש...

**ווען** דער רבי איז אַריין, האָט ער געוואונקען פאַר׳ן משמש ער זאָל אויפהייבן דעם יונגערמאַן און ער זאָל אים זעצן ביים עק טיש...

**דער** משמש איז געוואָרן איבערראַשט. וויפל איז דער שיעור אים צו פאַרשעמען. ער האָט געקוקט אויפ׳ן רבי׳ן און אויפ׳ן יונגערמאַן און אַ ווײַלע איז ער געבליבן שטיין נישט וויסנדיג וואָס צו טאָן. אָבער די אויגן פון רבי׳ן האָבן אים נישט איבערגעלאָזט קיין ברירות. ער האָט געמוזט צוגיין צום יונגערמאַן און אים שטילערהייט בעטן אַז ער זאָל זיך זעצן ביים עק טיש.

## אַזאַ איידעלער יונגערמאַן זאָל ליידן אַזויפיל בזיונות?!

**נישט** נאָר דער יונגערמאַן האָט געהאַט צער פון די באַצוואונג צו אים, נאָר אפילו די אַנוועזנדע האָבן זיך געפילט אומבאַקוועם פון דעם רבי׳נס באַצוואונג צו אים. אַזאַ איידעלער יונגערמאַן זאָל ליידן אַזויפיל בזיונות?!

**דער** יונגערמאַן האָט מפשפש געווען אין זיינע מעשים, געוויינט און תשובה געטאָן, אָבער האָט נישט געקענט דערגיין וואָס דער רבי וויל פון אים.

**זונטיג** צופרי, איידער ער האָט געוואָלט פאַרלאָזן דעם רבי׳נס הויז און אַהיים פאָרן, איז ער אַריין צום רבי׳ן, און געהאָפט אַז כאָטש איצט וועט אים דער רבי צורו לאָזן און אים מקרב זיין ווי אַמאָל. אָבער ניין, דער רבי האָט אים אויך איצט כמעט נישט אָנגעקוקט און אַוודאי נישט גערעדט צו אים. ער האָט געגעבן אַ קורצע ברכה און אים אָפּגעזעגנט.

## פאַרוואָס קומט מיר אַזעלכע בזיונות.

**צובראָכן** און דערנידערט איז דער יונגערמאַן געגאַנגען צו זיין אכסניא, צוזאַם געפּאַקט די פּעקלעך און זיך אַרויסגעלאָזט אויפ׳ן וועג. זיין האַרץ האָט געברויזט: פאַרוואָס קומט מיר אַזעלכע בזיונות.

## איך בין גאָרנישט ערגער געוואָרן ווי אין די פריערדיגע יאָרן

**גייענדיג** אויפ׳ן וועג, גערעגט און פאַרביטערט, האָט ער באַגעגנט אויפ׳ן וועגן דעם איידעם פון רבין ר׳ מאיר׳ל, ר׳ אברהם פון מיקאליוו. - פאַרוואָס ביסטו אַזוי פאַרביטערט? - האָט אים רבי אברהם געפרעגט. דער יונגערמאַן האָט אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ: - דו פרעגסט נאָך? איך האָב ממש נישט קיין מנוחה. איך פאַרשטיי נישט דעם רבי׳ן, וואָס האָט ער געזען אין מיר אַז ער האָט מיך אַזוי שטאַרק פאַרשעמט. גלייב מיר אַז איך בין גאָרנישט ערגער געוואָרן ווי אין די פריערדיגע יאָרן, און פאַרוואָס האָט ער מיך דעמאָלט מקרב געווען און ניצט נישט?

## עס פעלט נישט אויס, איך האָב שוין גענוג געהאַט

**רבי** אברהם האָט געשוויגן אַ ווײַלע, ער האָט אָפּגעמאָסטן דעם יונגערמאַן מיט מיטלייד, און דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן: - ווייסטו וואָס, איך וועל אַריינגיין צום שווער און איך וועל אים פרעגן פאַרוואָס ער האָט זיך צו דיר אַזוי באַצויגן... - עס פעלט נישט אויס, איך האָב שוין גענוג געהאַט - האָט דער יונגערמאַן געזאָגט - איך גיי מיר אַהיים און פאַרטיג, איך דאַרף נישט קיין תירוצים.

**דער** יונגערמאַן איז אַרויף אויפ׳ן וואָגן און פאַרלאָזט פרעמישלאַן מיט די גאַלאָפּירנדע פערד.

**עס** זענען אַריבער עטליכע טעג, און אַ ביטערע בשורה איז אָנגעקומען קיין פרעמישלאַן. דער וואָגן מיט וועלכער דער

יונגערמאַן איז געפאָרן האָט זיך איבערגעקערט פון שפּיץ באַרג א״ן דער יונגערמאַן איז ל״ע געשטאָרבן אַ מיתה משונה...

**אַ שרעקליכע** טרויער האָט אַרומגענומען אַלע חסידים. ממש ווי אין אַ תשעה באב. חסידים האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט אַראָפּגעלאָזטע פּנימ׳ער און טרערן זענען זיי געשטאַנען אין די אויגן.

**מיר האָבן פּרובירט מיט אַלע כוחות אַראָפּנעמען פון אים די דינים דורך די בזיונות, - די בזיונות וואָלטן געווען אַ כפּרה אויף די שרעקליכע גזירה...**

**רבי אברהם,** דעם רבי׳נס איידעם איז אַריין צום רבי׳ן און האָט איבערדערציילט די שרעקליכע בשורה. דעם רבי׳נס פּנים האָט באַדעקט אַ שרעקליכע טרויער. ער האָט געשוויגן אַ ווייל, דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן: - מיר דערציילסטו? מיר האָבן דאָך געוואוסט דאָס אַלעס. מיר האָבן געוואָלט אַראָפּנעמען פון אים די גזירה... מיר האָבן אים געשוינט... מיר האָבן פּרובירט מיט אַלע כוחות אַראָפּנעמען פון אים די דינים דורך די בזיונות וואָס מיר האָבן אים געגעבן... אָבער ער האָט זיי נישט געוואָלט אָננעמען באהבה... ווען ער וואָלט געשוויגן... ווען ער וואָלט אויסגעהערט זיין חרפּה און געשוויגן... וואָלט ער געבליבן ביים לעבן. די בזיונות וואָלטן געווען אַ כפּרה אויף די שרעקליכע גזירה...

**די בזיונות האָבן געהאַט דעם ציל אַראָפּצונעמען פון אים די שרעקליכע גזירה**

**מיט** אַן אַראָפּגעלאָזטע פּנים האָט רבי אברהם פאַרלאָזט דעם רבי׳נס שטוב. ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער רבי האָט אים אַזוי שטאַרק פאַרשעמט. די בזיונות האָבן געהאַט דעם ציל אַראָפּצונעמען פון אים די שרעקליכע גזירה.